STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06208

DER GOLDENER TRIUMF

Samuel Burshtyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעמועל בורשטין

דער גאָלדענער טריאומף

ע ס י י ע ן
דערצעהלונגען
ד י כ ט ו נ ג ע ן

ניו יאָרק
1939

Copyright 1939
By SAMUEL BURSHTYN
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

ACADEMY PHOTO OFFSET, Inc, 15 East 22nd St., New York



סעמועל בורשטין

אינהאַלט

זייט

בילד — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 3

דאָס ליטעראַרישע מעדיום — — — — — — — — — — 7

דאָס מוזיקאַלישע מעדיום — — — — — — — — — — 12

דאָס אַרטיסטישע מעדיום — — — — — — — — — 15

אויף דער וואָגשאָל — — — — — — — — — — — — — 19

די עראָטיק און די ליעבע — — — — — — — — — — — 23

דער טוריסטישער כאַראַקטער — — — — — — — — 27

דער עלעפאַנט מיט די אויגען גלעזער — — — — — — 30

דער פראָזיאָלאָג פון באַרמאַ-קאָנטשיאַ — — — — — — 34

דער פערעל זוכער פון פאָרט סאַאיד — — — — — — — 39

דער סובמאַרין מענש — — — — — — — — — — — — 47

וועגולאַראַ — — — — — — — — — — — — — — — — 53

יוגענד בילד — — — — — — — — — — — — — — — 103

ביאָגראַפישעס — — — — — — — — — — — — — — — 103

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — 107

„דאָס ליטעראַרישע מעדיום"

(שריפט ליטעראַט. קונסט מאַלער. סקולפּטור)

די קלוגשאַפט פון דורכדרינגען דאָס מענשליכע לעבען, באַ־גרייפען און קענען לערנען אַלע טיעפקייטען און העכסטע דער־גרייכונגען פון אונזער מענשליכער — נאַטירליכער — און איבער־נאַטירליכער וועלט, דאַרפען צו דעם קאָנצענטרירט ווערען אַלע וויסענשאַפטליכע קוואַלען, דער „אַל־געניוס" מיט דעם „דענקער", דער „טאַלאַנט" מיט דעם „נביא", פאַרגאַנגענהייטס קענער" און דער „צוקונפטס זעהער" — די קינסטלער פון אַלע שאַטירונגען, פסיכאָלאָגען, דאָקטוירים, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָמען, — קורץ — די אַלזייטיגע גייסטיגע מעטראָפּאָליע פון אונזער סאָציאַלער און אינדיווידועלער וועלט — פון וועלטליכער עקזיסטענץ, — אַלע מו־זען רעאַגירען מיט דראַמאַטישען ערנסט און טיכטיגקייט צו דער־גרייכען די ווירקליכע רעזולטאַטען פון וואָר און ריכטיגקייט צו אונזער מענשליכען צוועק און צוקונפטס אידעאַל.

פרעגט זיך די גרויסע פראַגע — וואָס איז די ראָלע פון „דאָס ליטעראַרישע מעדיום"? — ליטעראַט — קונסט מאַלער — סקולפּ־טור קינסטלער.

מוז אין דעם ליטעראַרישען ווערק אויך געשאַפען ווערען די לאָגישע וויסענשאַפטליכע קאָנסעקווענץ, די אַבסאָלוטע רעאַלע דורכ־פירונג פון פּראָבלעם און טהעמאַ אין קאָנטאַקט מיט דער וויסענ־שאַפט און „וועלט פּרוף" ריכטיגקייט? — זעהען מיר אָבער אַז „דאָס ליטעראַרישע מעדיום" האָט באַזונדערע וועגען, און אויך אַנדערע באַשטימטע מיסיאָנען וואָס טראָגען אין זיך אייגענע וועל־טען און אַן אייגענער מאָראַל.

„דאָס ליטעראַרישע מעדיום" מאַניפעסטירט זיך אויך דורך די זעעלע און כאַראַקטער פון ליטעראַט זעלבסט — און קען זיך ער־לויבען דורך דעם מעדיום פון דער פאַנטאַזיע, דורך סימבאָלען און

אַלעגאָריען, — וואָרט שפּרוך און געטראָפענע פאַרגלייכונגען — צו דערלאַנגען דעם געוואונשטען רעזולטאַט צו זיין געשאַפענעם ווערק.

דאָס קאָנקרעטע וויסענשאַפטליכע ראַציאָנאַלע שפּילט דאָ אויך אַ וויכטיגע ראָלע, אָבער דאָס קען נור ווערען אין מאַנכע ווערק געשעפּפט — ווי פון לויפענדען קוואַל — דער לויפענדער קריס־טאַלענער ריינער קוואַל איז זעהר שעהן אַלס בילד אויך און ברענגט דעם פאַקטישען גענוס אין גלייכער צייט.

קענען מיר אויך באַגרייפען אַז דער ליטעראַט דאַרף האָבען פּראָפּאָרציע, טאַלאַנט, רייכקייט פון דער שפּראַך, פּסיכאָלאָגישען טיעפען איינבליק — און ריכטיגער אויפנעמער פון דעם אויסערען בילד אין בעסטען זין פון וואָרט. און טראָטץ דעם וואָס אונזער מאָדערנע צייט ברענגט אַרויס אַזוי פיעל ביכער וואָס זיינען זיכער ווייט פון צו זיין „דאָסווירקליכע ליטעראַרישע" וואָס דער מענש האָט צו דערוואַרטען — (און דער מענש קוויקט זיך דער מיט אַזוי גאָר נישט קשה'דיג). קענען מיר אָבער שוין יעצט אויך באַמערקען אַז עס פיהלט זיך אַ נייע שטרעבונג, אַ נייע דערוואַרטונג, צו לי־טעראַרישע ווערק וואָס זאָלען אונז אַ קעגען קומען ווי פּראָדוקטען פון אַנדערע גערטנער — עס זאָל שוין גאָר זיין אַ נייער פּרוכט אויף אונזער ליטעראַרישען האָריזאָנט.

ווייל עס איז שוין נאַטירליך זעהר לאַנגווייליג געוואָרען מיט אַזוי פיעל ליטעראַרישע דערשיינונגען וואָס זיינען אַזוי ווייניג — אָדער גאָר נישט מחדש.

— און אַזוי ווי עס פאָדערט זיך אַ רעוויזיאָן איבער אונזער אַלטער און מאָדערנער וועלט ,איבער אונזער פאַרגאַנגענער און געגענוואַרטיגער ציוויליזאַציאָן — מוז אויך האַרמאָניש קומען אין קאָנטאַקט די ליטעראַרישע שעפּפערישע אינטעליגענץ מיט דעם רוף פון דער צייט.

דער ליטעראַט וואָס האָט נור אין זינען דאָס דורכאויס ליטע־ראַרישע וועט נאַטירליך זיך פרעגען אויך — וואָס קען מיין ווערק מיט זיין באַרוף באַוועלטיגען? און ברענגט שוין אַריין די ליניע פון מאָראַלישען געוויסען, (נאַטירליך פון וויסענשאַפטליכען פּערס־פּעקטיוו).

— וועט זיין צופריעדען אין וואָס ווייניגער — און געטראָ־פענער זיינע אידעען אין בילדער צו געשטאַלטען.

ווייל איינציגע בלעטער קענען מאַנכעס מאָל זיין פיעל וויכטיגער און באַדייטענדער ווי טויזענטער.

און אַ ווערק וואָס איז געשאַפען פון אַ גרויסען ליטעראַרישען געניוס בלייבט שוין דערפאַר אויך אַ מאָנומענט פאַר אַלע צייטען און אייביגקייטען.

איך שטעל מיר איין אין מיין געדאַנק דעם קונסט מאַלער אויך אַלס אַ ליטעראַט, ווייל דער פּראָדוקט פון דעם קונסט מאַלער איז אויך ליטעראַטור.

די לאַנדשאַפט, דאָס פּאָרטרעט, די סקיצע, די פאַנטאַזיע, די בילדער שילדערונגען פון געשיכטליכע פעריאָדען און עפּאָכען, אָדער דאָס אַריין דרינגען פון דעם קונסט מאַלער אין פּאַסירונגען און אינ־צידענטען פון דער פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט, אָדער גאָר גע־בען אַ לויף אין דער ווייטער צוקונפט אַריין, דאָס איז געוויס די זעלבע קראַפט פון ליטעראַרישען מעדיום.

עס מוז אויך דער קינסטלער נאַטירליך אויך אויסגעפינען ד־ האַרמאָניע און גוטע אייגענשאַפטען פון פאַרבען און קאָלירען, מוז גרויסער דערפינדער זיין, מייסטער אויך פון קאָליר און פאַרב און אויך אַן אַנאַליטישער כעמיסט.

עס רופען די פיעל פאַרשיעדענע מעגליכקייטען דורך די פיעל רייכ'פאַרביגע און קאָליר'אַרטיגע אוצרות וואָס אונזער וועלט האַלט אין זיך.

עס מוז אויך דער קונסט מאַלער זיין אַ גרויסער „פּערספּעקטי־וויסט" פון פלאַץ, פּאָזיציע, און אַטמאָספערע, מוז די אייגענשאַפטען פון אינזשעניר און אַרכיטעקט אין זיך האָבען.

פונקט „ווי דער שריפט ליטעראַט" נויטיגט זיך אויך אין דער זעלבער קענטשאַפט און טאַלאַנט, — (אַבסטראַקט — אָדער טיעפער און זיכערער אין זיין באַגריעף).

גאָר נישט לייכט קומט דעם גרויסען קונסט מאַלער אויס זיינע פאָלקאָמענהייטען, זיינע וועגען און ציעלען צו דערגרייכען.

פיעלע יאָהרען פון טיכטיגקייט, שטודיום, און קאָנצענטראַציאָן מאַניפעסטירען זיך דורך זיינע לעבענס וועגען, — פונקט ווי אין דעם לעבען פון דעם שריפט ליטעראַט. עטוואָס לייכטער איז נאַ־טירליך דעם מאַלער ליטעראַט וואָס האָט די מעגליכקייט שנעלער דורך די פאַרבען צו רעאַגירען און מעכאַניש צו עקספּערימענטירען.

דערפֿאַר געפֿינען מיר מעהר קונסט מאָלער ווי „שריפֿט ליטע־ראַטען“, אָבער דערפֿאַר קענען מיר זאָגען — אַז אַזוי פֿיעל ווי עס איז דאָ אין צאָל גאָר גרויסע קונסט מאָלער, אַזוי פֿיעל איז וואַרשיינליך דאָ פּראָפּאָרציאָנעל „די גרויסע שריפֿט ליטעראַטען“.

דער דריטער ליטעראַרישער שעפֿפער — דער סקולפּטור קינסט־לער וואָס רעאַגירט און עקספּערימענטירט דורך מעכאַנישען טאַלאַנט און קענטשאַפֿט, און האָט אין זיך דעם געניוס צו שאַפֿען אייביגע ווערק, מאָנומענטען, סימבאָלען, כאַראַקטערען, געשיכטליכע דענק־ווירדיגקייטען — און אַזוי ווייטער, — האָט נישט אַזוי פֿיעל אויס־זיכטען און ברייטע גרויסע פֿעלדער — ווייטע האָריזאָנטען — ווי דער שריפֿט ליטעראַט און קונסט מאָלער ליטעראַט.

דאָך ווען דער סקולפּטור קינסטלער שאַפֿט זיינע כאַראַקטערען, ביוסטען, געזיכטס־צוגען, פֿיזיאָגנאָמיען, לערנען און לעזען מיר דער־פֿון אַזוי ווי פֿון ביכער.

און פֿיעל — זעהר פֿיעל בלייבט נאָך באַהאַלטען אין דעם גע־היימען סוד פֿון דעם קינסטלערס ווערק. מיר קענען אימער פֿון צייט צו צייט זיך אָוועק שטעלען פֿאַר דעם גרויסען סקולפּטור ווערק און אימער מיט אַ נייע שטימונג באַוועלטיגט ווערען.

עס איז נישט ווי מאַנכע ביכער וואָס מיר לעזען דורך איין מאָל האָבען מיר קיין באַדאַרף דאָס נאָך אַ מאָל ווידער צו לעזען.

נאַטירליך האָט דער אויפֿנעם און באַטראַכטונגס מאָמענט ביי דעם סקולפּטאָר ווערק נישט אַזוי פֿיעל צייט, ענערגיע, אַנשטרענ־גונגען אויס צו ברענגען ווי ביי דעם דורך בלעטערען דאָס בוך.

נישט נור האָט דאָס גרויסע סקולפּטור ווערק די וויכטיגקייט אין זיך אַליין — נור אויך די אַטמאָספֿערע און דער רוים אַרום דעם ווערק באַקומען די וויכטיגקייט, אַזוי ווי אַלעס וואָלט זיך פֿאַר־אייניגט פֿאַר דעם מענשליכען אויג און געדאַנק.

באַטראַכטען מיר די אַלגעמיינע מאַניפֿעסטירונג און פּראָצעס פֿון דער טריאָלאָגיע אין „דעם ליטעראַרישען מעדיום“ קומען מיר צום שלוס — אַז דער פּראָדוקט פֿון דער מענשליכער שעפֿפֿונג איז נישט ווי דער שאַפֿונגס פּראָצעס אין דער אונבאַוואוסטער נאַטור וואָס ווערט באַוועלטיגט פֿון גאָר אַנדערע קרעפֿטען, נור עס איז דער געשעפֿף וואָס ווערט געשאַפֿען מיט אַ נשמה, מיט אַ זעעלע, מיט אַ צוועק און תכלית — טראָטץ דעם וואָס דער שעפֿפֿער האָט דאָס גאָר נישט באַשטרעבט, גאָר נישט געטראַכט דעריבער.

די זאָגאַר — אונבאַוואוסטע אימאַנענטע אייגענשאַפטען פון דער מענשליכער פסיכיק זיינען געניייגט צו ווירקען אויף דער באַשטימטער ליניע פון אונזער מענשליכען וועג. נאַטירליך — נור אין דעם דערגרייכטען כאַראַקטער פון קולטור מדרגה, אין דעם ראַפענירטען פערזענליכקייטס קולט — אין אַלגעמיין מענשליכען קולט פון דענקערישער אינטעליגענץ.

„דאָס מוזיקאַלישע מעדיום"

(קאָמפּאָזיטאָר. מוזיק שפּראַך. מעלאָדיע)

עס איז דאָ אַ באַרימט בילד פון דעם באַוואוסטען מאָלער באַ־לעסטער, — ווי דער גרויסער בעטהאָווען איז פאַרטיעפט אין אַ שלאָף, און פאַר איהם איז אַרום אַ געטליכער אָרקעסטער, און עס ווירבלען זיך די וואונדערליכע אַקאָרדען און איבערמענשליכע שעהנסטע מעלאָדיען פון ווייטע אונענדליכע וועלטען, מיר זעהען אַז בעטהאָווען איז טעלעפּאַטיש פאַראייניגט מיט דעם אָרקעסטער, — ער איז דער דיריגענט, ער איז דער קאָמפּאָזיטאָר, ער איז טיעף אַנגעשטרענגט אין זיין שלאָף אַזוי ווי דאָס סקולפּטור בילד „דער דענקער" פון ראָדען איז געשטרענגט אין אַ טיעפען דענקען, אַזוי איז אויך בעטהאָווען געשטרענגט אין אַ טיעפען אויפנעמען אין זיך די אייביגע שעהנסטע מעלאָדיען און טענער פון אונזער קאָסמאָס און אוניווערס.

אַזוי ווי דאָס בילד וואָלט דאָ כאַראַקטערעזירט און סימבאָלי־זירט דעם באַגריף „קאָמפּאָזיטאָר" אין אַלגעמיין. און זיכער איז בעטהאָווען די צענטראַלע פיגור פון דער קאָמפּאָזיטאָרישער וועלט.

אַלע קאָמפּאָזיטאָרען פון אַלע צייטען וועלען דאָס מיט דעם זיכערסטען געוויסען צו געבען.

דער מוזיק שעפּפער שטייגט אויף מיט זיין גייסט אין די העכסטע הימלען, שטייגט איין אין טויזענטער יאָהרען פאַרגאַנגענהייטען, קומט איין אין טויזענטער יאָהרען צוקונפט אַריין, וועלטיגט איבער צייט און גרענעץ אין אַלגעמיין...

ביי קיין שעפּפער לויפט נישט דער אַבסטראַקט אַזוי ווייט ווי ביי דעם קאָמפּאָזיטאָר, זיין זעעלע און נשמה איז אַזוי עדעל און וויברירט אין זיך די פאַראייניגונג פון דעם פאַנטהעאיסטישען באַ־גריף אין בעסטען זין פון וואָרט.

דער מוזיק שעפּפער״ איז עקסטרעם אינדיווידואַליזירט אין אַן „אין זיך״ צענטראַליזירטער פּערזענליכקייט. — ווייל שאַפען די טענער, מעלאָדיען, סימפאָניען און אָפּערען — און אַלע מוזיקאַלישע ווערק פון פאַרשיעדענע פאָרמען און באַדייטונגען — קענען זיך נור מאַניפעסטירען אין דעם געשלאָסענעם טעמפּעל פון העכסטער זעלבסט באַגייסטערונג און באַגליקטער אינפּיראַציאָן פון רוח השכינה.

דער קאָמפּאָזיטאָר מוז פיעל מאָל זיין באַהאַלטען און וויל נישט געזעהען ווערען פון דער אויסערער וועלט, און פון קיינעם, — אין דער צייט ווען ער מאַנעווורירט מיט די פיעל פאַרביגע טענער און מעלאָדיען פון זיין פאַנטאַזיע און נשמה.

ער געפינט זיך דאַמאָלסט אין אויסערגעווענליכע עקסטאַזען פון דראַמאַטיש פסיכישע באַוועגונגען — וואָס נור אַ ראַפינירטער קולטור מענש פון הויכער מדרגה קען באַגרייפען.

וויניגער באַוועלטיגונג און וויניגער אַנשטרענגונג האָט דער קאָמפּאָזיטאָר פון „מוזיק שפּראַך״ און „וואָרט מוזיק״, — דאָ איז שוין אַ פיעל לייכטערער געביעט, — אָבער אויך נאָך גרויס און טיעף געגנוג...

ווען די געדאַנקען און די שפּראַך, דאָס וואָרט און דער איב־האַלט פון דעם ווערק דערגרייכען די הויכע ווייטע ליטעראַרישע האָריזאָנטען — מוז זיך דאָ דער קאָמפּאָזיטאָר אויך גוט באַפליגלען און טרעפען דעם ריכטיגען געהויבענעם טאָן — וואָס מוז נישט אַלע מאָל גיין האַנד און האַנד — נור קען אויך אין מאַנכע מאָמענטען לויפען פּאַראַלעל — און דאָך צוזאַמען ווירקען אין דער קינסט־לערישער פאָלקאָמענהייט.

עס איז אויך פון גרויס וויכטיגקייט און וואונדערליך די מוזיק פון וואָרט און שפּראַך. און פיעל מאָל זינגט זיך אַרויס אַ מעלאָ־דיע גאָר נישט דערוואַרטענדיג, און האָט דערפאַר דעם גאָר חשוב׳ען פּלאַץ אין דער וועלט פון אָפּערא, ווי עס פיגורירען און רעאַגירען די צוויי גרויסע עלעמענטען — די מעלאָדיע, און די מוזיק שפּראַך דאָס וואָרט — און דער אויסדרוק דורך טאָן און קלאַנג.

די אייגענשאַפט פון מוזיק שפּראַך געפינט זיך אויך אין דער אַלגעמיין מענשליכער נאַטור.

מיר ווייסען זיכער אַז ווען דער מענש איז פאַרליעבט רעדט ער מיט אַנדערע טענער, צי ווען ער איז אונגליקליך אָדער אויפ־געגעגט איז דער טאָן שוין נישט דערזעלבער, — און ווען דער

מענש איז נאָך דערצו באַגליקט מיט אַ מוזיקאַלישער נאַטור פון אַ גרעסערע מדרגה איז ער אַ געבוירענער מוזיקער.

עס זיינען דאָ געוויסע קלאַסען מענשען וואָס האָבען קיין געפיהל צו דער אָפּערא, און ערלויבען זיך נאָך צו קריטיקירען און אויסלאַכען דעם עדעלען געשעפף פון געטליכען געניוס. — ווייסט אָבער דער וואָס איז נישט קיין נאַר; אַז דאָס זיינען מיינונגען פון קאַפּריזנע נישט דערוואַקסענע קאַפּריקעס — אין זייער גייסט און נשמה.

זאָגאַר די אָפּערא וואָס דער אינהאַלט און די שפּראַך איז נישט פון גאַר וויכטיגע באַדייטונג, — נור דער „קאָמפּאָזיטאָר" האָט דערצו געשאַפען אַזאַ הערליכע מוזיק און פּראַכטפולע מעלאָדיען — ווייסען מיר אויך אַז דער גרונד — „די ערד" איז גאַר פּשוט, די גרינגקייט און די פּפלאַנצונגס וועלט פון בלומען און פרוכטבאַרקייטען, וועלדער און גערטנער — דאָס איז שוין דער „יום טוב" איבער דעם געוועגליכען און מיר מוזען דערפאַר ליבען אַלעס צוזאַמען. די מעלאָדיען שעפפונגען פון אונזערע גרויסע קאָמפּאָזיטאָרען באַגליקט אונזער מענשליכען גייסט, און באַוועגט אונז צו שטרעבען צום גליק און צו אַ ריכטיגע פאַרנינפטיגע וועלט פון צערטליכקייטס און גוטסקייטס, און מיר שטודירען זעהר גערען איין און זינגען מיט — די לידער און מעלאָדיען וואָס דערהויכען אונזער מענשליכען כאַראַקטער צו די מוזיקאַלישע הימלען... צו דער גרויסער צוקונפט...

„דאָס אַרטיסטישע מעדיום״

(אינסטרומענטס קינסטלער. געזאַנגס ווירטואָזיטעט. דער שוישפּי־
לער. דער טאַנץ)

די וויכטיגסטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען — די וויאָלין, דאָס וויאָלין טשעל און די פּיאַנאָ, האָבען אַרויס גערופען גרויסע אַרטיסטען וואָס שיינען און געוועלטיגען מיט זייער וואונדערליכען טאַלאַנט ווי די ליכטיגסטע שטערען אין אונזער הימלישע ספּערע.

אָבער נישט דער אינסטרומענט האָט געשאַפען דעם אַרטיסט, נור דער אַרטיסט האָט געהאַט אין זיך די געבוירענע קוואַליטעטען און אייגענשאַפטען צו מאַניפּעסטירען זיין טאַלאַנט און כאַראַקטער דורך דעם מעדיום פון אינסטרומענט.

עס האָבען שוין פּיעל טויזענטער פּראָבירט ווערען קינסטלער און האָבען זייער גאַנצען לעבען זיך אָנגעשטרענגט צו דעם — און זיי זיינען דאָס נישט געוואָרען. נור איינצעלנע באַגליקטע ווערען געבוירען אַרטיסטען וואָס קענען אויפשטייגען פון דער מענשליכער מיטעלמעסיגקייט צו דער איבערמענשליכער מדרגה. אָבער אויך דער אינסטרומענט מוז אין זיך האָבען די קוואַליטעטען און אויסער־געוועגליכע אייגענשאַפטען צו קענען גיין האַנד און האַנד צו דעם דערגרייכטען וואונדער און ראַפּענירטע פּאַלקאָמענהייט.

נישט נור דער אַרטיסט איז דער מייסטער — נור אויך דער אינסטרומענט איז דער מייסטער. געגענזייטיגע באַוועלטיגונג און אַ האַרמאָנישע באַלעבונג פון דעם סוביעקט מיט דעם אָביעקט צו־זאַמען. עס זיינען נאָך דאָ נאַטירליך פּיעל אינסטרומענטען וואָס רופען אַרויס די אַרטיסטישע קוואַליטעטען און טאַלאַנטען — אָבער מיר ווייסען אַז אין אַלגעמיין איז דאָס אַרטיסטישע אַ סאָלאָ פּראָצעס ווייל אויך יעדער מוזיקער פון אַ גוטען פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער איז כמעט אַ סאָלאָ טאַלאַנט — אַ סאָלאָ אַרטיסט — ביז אַ באַשטימ־טער מדרגה.

יעצט פיגורירט אויף אין דאָס אַרטיסטישע דער זינגער און די זינגערין וואָס איז אויך געוויס די קוואַליטעטען פון געבוירענע אייגענשאַפטען, וואָס מוזען ווערען פאַראייניגט מיט אַ גלויבען און ליעבע, מיט אַ גרויסע באַגייסטערונג פאַר דעם אייגענעם איך, ווייל דער געזאַנגס קוואַל שטרומט פון דעם „זעלבסט קוואַל" — פון זיך אַרויס... ענטוויקעלט זיך אַ גרעסערע פאַמיליאַריטעט — און דאָס מאָטאָ — „געטריי זאָלסט דו זיין" שווערט דער געזאַנגס קינסטלער צו זיין שטימע.

עקספערימענטירט און פרובירט זיך זעלבסט פיעלע יאָהרען, מוז זיך אַליין — אויך צו זיך צו הערען אין דער ריכטיגקייט, באַדייטונג, ריינקייט, און שעהנהייט פון טאָן און קלאַנג.

פאַנגט אָן שפיעלען דער כאַראַקטער פון דעם קינסטלער די ראָלע — אויף וועלכע וועגען זיך צו מאַניפעסטירען מיט דער באַגליקטער אייגענשאַפט און טאַלאַנט ? — דאָ האָט אויך דער פרייער ווילען און די פערזענליכע באַשטימונג דאָס וואָרט — וועלכען וועג צו נעמען ? — פיעלע טרעפען, און פיעלע בלאָנזשען, דאָ מוז שוין קומען צו הילף דער עקספערט, דער פראָפעסאָר, און צייגען דעם באַשטימטען וועג און ציעל.

די מענשליכע שטימע און געזאַנגס באַגליקונג — האָט אין זיך אַ וועלט מיט שעהנהייט וואָס באַווירקען די מענשליכע נשמה און זעעלע מיט אַ געוואַלדיגער קראַפט, און עס שוועבען געהיימע סודות דורך די טענער און קלאַנגען פון דער געטליכער שטימע און פאַרטיעפען זיך אַזוי אַריין אין דעם מענשליכען געדאַנק — אַז מיר געדענקען אימער די ענטציקונג און עקסטאַז וואָס דאָס געזאַנג האָט ביי אונז אַרויס גערופען.

באַוועגט אונז נישט נור אין געפיהל — נור אויך אין דענקען.

און אַזוי ווי דער ליטערער קוואַל וואָס ווערט געפינען פון דעם וואַנדערער אין דער מדבר איז אַ גרויסער געווינס — אַזוי איז דער געזאַנג נאָך פיעל מעהר אַ גרעסערער געווינס אויף דעם וועג פון לעבען.

גאָר אַ באַזונדערער באַדייטונג האָט דער „שוישפילער אַרטיסט" — פאַרנעמט אויך אַ גרויסע וויכטיגע פאָזיציאָן אין אונזער סאָציאַל־געזעלשאַפטליכער וועלט .

איז אויך באַגליקט מיט געבוירענע אייגענשאַפטען און קוואַליטעטען ,און מוז אימער שטודירען די מענשליכע פסיכיק, דעם

כאַראַקטער, — צו זיין דער גוטער ריכטיגער געטרייער דער־קלערער און באַגרינדער, (פיעל מאָל ווי אַ דאָקטאָר און דיאַגנאָז ספּעציאַליסט). אין דעם קאָמפּליצירטען פּראָצעס פון דער מענש־ליכער נאַטור און כאַראַקטער.

ווערט נאַטירליך אויך פיעל מאָל צו דעם אַנגעוויזען דורך דעם דראַמאַטורג און ליטעראַט, און קען מאַנכעס מאָל ענדערען די רעגיע ווען עס ווייזט זיך אין אַן איבערטרעפען די ערשטע דיס־טאַנץ.

דער שוישפּילער האַלט זיך אין האַנד, און איז זיין אייגענער אינסטרומענט, עקספּערימענטירט און באַמייסטערט זיך אין אַלע מאָמענטען ווען, עס איז נויטיג, מוז שטעהן פאַר דעם שפּיעגעל נישט נור צום גרים — נור אויך צום שפּיעגעל „פון זעלבסט דער־קענונג".

און דאָס איז נאָך וויניג — מוז ער אויך פיעל מאָל זיין — זיין אייגענער פּראָפעסאָר און עקספּערט. עס ווייסט דער גוטער גרויסער שוישפּילער אָדער שוישפּילערין פון דער מאָראַלישער מאַכט צו פיגורירען אויף דער ביהנע פאַר מיליאָנען מענשען — דורך דער דראַמאַטישער קונסט — און דורך דער ליטעראַטור.

עס פאָדערט זיך אַ געוואַלטיגע קאָנצענטראַציאָן פון פּסיכישע און פיזישע קראַפט זיך אַריין צו לעבען אין געשיכטליכע פּעריאָדען, עפּאָכען, מאָמענטען, — זיך אַריין צו לעבען אין די העלדישע און פאַרשיעדענע קאָמפּליצירטע כאַראַקטערען פון אונזער וועלט.

שאַפט מאַנכעס מאָל מיט זיך גאָר נייע כאַראַקטערען וואָס האָבען פּיליכט נאָך קיין מאָל נישט עקזיסטירט. קען אויך שאַפען מיט זיך — אַזוי ווי די ליטעראַטור, סימבאָלען, אַלעגאָריען, און רעטזעל געשטאַלטונגען, און אַזוי וויטער.

די שוישפּיל קונסט איז אַלזאָ גאָר אַ וויכטיגער פּראָצעס און האָט דעם באַרוף פאַר קונסט, געשיכטע, אידעאַלען, פּראָפּאַגאַנדע, נבואה, און אויך אויף דעם פעלד פון אַמוזירען צום פאַרגעניגען דורך פיעלע פאָרמען און מעגליכקייטען.

יעצט קומען מיר צו דעם געביעט פון דער „טאַנץ קונסט" וואָס איז געוויס אויך אַ שעהנער פרוכטבאַרער צווייג אויף דעם בוים פון לעבען.

דער טאַנץ קינסטלער מוז זעהר שטאַרק ליעבען מוזיק, — עס מוז אויף דעם טענצער די מוזיק אַזוי קרעפטיג ווירקען און אַרויס

רופען די געפיהלען צום טאַנץ — און דעם אוידרוק פון די ריט־מישע געבוירענע אייגענשאַפטען און האַרמאָניע מיט די טענער און מעלאָדיען.

דער טענצער מוז אין זיך אויך טראָגען די וואָרצלען פון דאָס מוזיקאַלישע — און מוז פיעל מאָל פיהלען דעם טאָן אין דער מעלאָדיע אידער זיי קומען, — דאָס מיינט אַז געבוירענע גרויסע אַרטיסטען זיינען פענאָמענאַל — און דאַרפען פענאָמענאַל זיין.

עס קענען זיך אויך ענטוויקלען די אייגענשאַפטען ביי מאַנכע מענשען ווען זיי זיינען נישט דאָ פון געבוירענהייט אָן, — דאָך איז געוואונשען —אַז די פיזישע קוואַליטעטען זאָלען אויך זיין פון געטראָפענע מדרגה אין דעם פאָרם פון שעהנהייט, גראַציע, באַוועג־ליכקייט, און פון געזונד און קראַפט.

עס איז קיין צווייפעל אַז דער טאַנץ אַרטיסט דאַרף אויך זיין אַריין געדרונגען אין דער פאָעזיע, אין דער שעהנער ליטעראַטור בכלל, ווייל דער טאַנץ באַרופט אין זיך פיעל פון דעם עסטעטישען געביעט — און אַ פאַראייניגונג פון וועלטליכע ראַפענירטקייט.

דער טאַנץ אין יעדען אויסדרוק און פאָרם — קען אויך זיין אַ לייט מאָטיוו און אויך אַ טאָן געבער פאַר געזעלשאַפטליכער און אַלגעמיין מענשליכער לעבענס אַרט, פון עטיקעט און עסטעטישען מאַניער, פאַר העכערע ציוויליזירטע זיטליכקייט דורך דעם לאָגישען פראָצעס פון קלוגשאַפט און ציוויליזאַציאָן. די פראַכטפולע קינסט־לערישע באַלעטען, און די גרויסע „סאָלאָ טענצער" און „טענצער ווירטואָזען" שאַפען פיעל פאַרגעניגען דעם מענשען — און דאָס איז אויך אַ וויכטיגער געווינס.

עס לאָזען זיך אויך באַלעטעזירען גרויסע מאָמענטען פון דער געשיכטע, און וויכטיגע עפיזאָדען, עפּאָכען, פעריאָדען, לעגענ־דעס, פאַנטאַזיעס — וואָס פאָדערען נאַטירליך די מייסטערשאַפט און טאַלאַנט פון דעם טאַנץ און באַלעט שעפער פון וועלטליכער ראַפענירטקייט און הויכער אַלזייטיגער קולטור.

אַזוי קענען מיר מיט זיכערקייט זאָגען און קומען צו אַ באַ־שלוס — אַז „דאָס אַרטיסטישע מעדיום" פון די פיר צווייגען — „דער אַרטיסט אויף דעם אינסטרומענט", „געזאַנגס ווירטואָזיטעט", „די קונסט פון שוישפיל" „און דער טאַנץ" איז אַ גרויסע באַגלי־קונג פון דער מענשהייט — פאַר דער מענשהייט — און פאַר דער וועלט אין אַלגעמיין.

„אויף דער וואָגשאָל"

(פון גייסטיגען גלייך געוויכט)

עס פרעגט זיך פיעל מאָל אַ פראַגע ביי דעם עהרליכען דענקענדיגע מענשען: — ווי אַזוי קען זיך דאָס לעבען רעאַליזירען אויף דער מעטהאָדע צו דער אייגענטליכער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָזיציאָן? — וואָס זאָל איין זיך. טראָגען דעם באַשטימטען נאָרמאַלען כאַראַקטער וואָס איז נויטיג פאַר מענש און וועלט.

עס פאראינטערעסירט זיך אין דעם גרויסע געלעהרטע, ווי־סענשאַפטסלייט, פראָפעסאָרען, דאָקטוירים, ליטעראַטען, פאָעטען, — און עס איז דערוייל ביז יעצט נאָך נישט געשאַפען געוואָרען די קאָנקרעטע ווירקליכע מעטהאָדע וואָס זאָל באַפריעדיגען — און אָנגענומען ווערען פון דער גאַנצער וועלט.

מיר זעהען גרויסע קאָנטראַסטען, פיינדליכע און פאַלשע ווירקונגען, כאַאָס און אונגערעכטיגקייט אויף אַלע וועגען פון אונזער פאַרגאַנגענער און היינטיגער צייט, — דער מענש; דאָס העכסטע געשעפף — זאָל נישט קענען געשטאַלטען דאָס לעבען נאָך די פרינציפּען פון אמת, יושר, גערעכטיגקייט, — נישט קענען איינפיהרען די ווירקליכע רעפאָרמען און נויטיגקייטען צו אונזער עקזיסטענץ און באַרעכטיגונג? — דאָס איז זיכער די גרעסטע שאַנד פון דער מענשהייט. האָט שוין דען נישט אין דער היינטיגער צייט געזאָלט זיין אַ פעלקער פאַמיליאַריטעט פון גאַגענזייטיגע פריינדשאַפט און צוזאַמען אַרבייט פאַר דעם וייטערדיגען פראָגרעס צום ציעל און צוועק?

און ווי אַזוי קען זיך מאַניפעסטירען דאָס גייסטיגע גלייך געוויכט"? — אין אַזאַ שלעכטע עקאָנאָמישעווירטשאַפט און פּאָליטישע געוויסענלאָזיגקייט?

דער מענש ווען ער ווערט געבוירען, איז ער גלייך דער בירגער פון „באַרעכטיגונגס עקזיסטענץ" אין בעסטען זין פון וואָרט

— מוז גלייך קומען אין קאָנטאַקט מיט דאָס מענשליך צערטליכע פון וויסענשאַפטליכע ראַפּענירטקייט, ווייל די איינפלאַנצונג פון גייסט און כאַראַקטער זיינען צום קרעפטיגסטען אין די קינדהייטס יאָהרען.

דאָ קען גלייך געשאַפען ווערען דער גרונד מאָטיוו און לייט מאָטיוו צו דעם ווייטערדיגען לעבענס דערפאָלג און „כאַראַקטער קראַפט״.

צום ערשט איז וויכטיג אַ צוזאַמען לעבען מיט די מילדע שעהנע אייגענשאַפטען פון נאַטור — ווי ריינע לופט, גערטנער, בלומען, וועלדער, בערג און לענדליכע רוהיגקייטען, — אין די מאָ־מענטען קאָנצענטרירען זיך אין די יונגע יאָהרען די פסיכישע און פיזישע קרעפטען און אייגענשאַפטען און גרייטען צו די מדרגה צום שטודיום פון שכל, קלוגשאַפט, וויסען, קולטור, און די זיטליכקייט פון וויסענשאַפטליכע פערספעקטיווען.

ווערט יעצט דערגרייכט „די יוגענדליכע פאָלקאָמענהייט״ און די באַוועלטיגונג צו דעם הימעל פון ליעבע, די שטערען און פלאַ־נעטען קענען זיך נישט אַזוי אָפט צוזאַמען טרעפען — די מענשען פון ליעבע דאַרפען זיך יאָ צוזאַמען טרעפען און זיך זיכער דער־גרייכען און געפינען.

יעצט פאַנגט דער מענש אויסגעפינען און אויספאָרשען זיינע אייגענשאַפטען און שטרעבונגען און זיין טאַלאַנט אויף וואָס פאַר אַ וועגען זיך צו קענען מאַניפעסטירען צו דעם בירגערליכען באַרוף פאַר סאָציאַל געזעלשאַפטליכער און וועלטליכער פפליכט.

דער מענש קען דאָס אויספאָרשען און נעמען די באַשטימטע פאָזיציאָן פאַר וויכטיגע אַרבייט און טיכטיגקייט צו ליעב זיין איך און פאַמיליע, און צוליעב דער מענשהייט און וועלט אין אַלגעמיין.

קומען מיר צום געדאַנק: אַז כדי דער מענש זאָל ווירקליך מענש זיין — איז גענוג אַ פינף שטונדען „אַרבייטס ווירקונג״ דורך דעם טאָג — אין צאָל פון פינף טעג דורך די וואָך — און צוויי פרייע טעג געווידמעט דעם יום טוב פון מענשליכען גייסט און פרייהייט.

דאָ מוז שוין נאַטירליך די רעגירונג און דער שטאַאַט אויך אָרגאַניזירען און שאַפען אַ זיכערהייטס געפיהל און אַ פאָזיטיווע פאַרזיכערונג געגען עקאָנאָמישען קריזיס, — דאָס מיינט, אַז זאָרג און שרעק צי פאַר דער עקאָנאָמיע, צי פאַר דאָס פאָליטישע — טאָר גאָר נישט עקזיסטירען אין דער וועלט פון מענשליכען לעבען.

מוזען זיך נאַטירליך אויך אַלע פעלקער, רעגירונגען און שטאַאַטען, לענדער און גרענעצען — פאַראייניגען דורך פעדעראַציאָן און עהרליכע איינהייט, אָפּצושאַפען די איבלען פון קאָנקורענץ און אַלעס וואָס שלעכט איז פאַר דעם יחיד און פאַר דער מענשהייט אין אַלגעמיין.

דאָ מוזען מיר אויך די נאַציאָנאַלע מלחמה פון פאָלק מיט פאָלק דורך וועלטליכע מאַכט באַצווינגען צו פריעדען און צו אַל־מענשליכער פּפליכט, — אַלמענשליכער מאָראַל צו די אוניווער־סאַלע נאַטירליכע געזעצען און פּרינציפּען פון נאַטור און וועלט, ווי־סענשאַפט, קלוגשאַפט, לאָגיק און פאַרנונפט.

אַרויס צו שעפּפען דעם צוועק און ציעל — דעם קווינט־עסענץ פון דעם אייביגען פאַנטהעאיזם וואָס טראַגט אין זיך די וואַרהייטען און די מאָראַל פון וויסענשאַפטליכע באַגרינדונגען.

שלעכטע ,פאַלשע, אונמענשליכע באַנעמונגען דורך פיזישע אַקטען אָדער דורך גייסטיגע זיינען פאַרברעכעריש און קרימינעל — אפילו טראַגענדיג דעם מאַנטעל פון נאַציאָנאַליזם, רעליגיאָן, פאַטריאָטיזם, אָדער וועלכער עס איז אַנדערער — איזם.

עס איז שוין די העכסטע צייט — אַז די וועלטליכע רעגיע פון אַלע הויכע אייגענשאַפטען — ווי פראָגרעס, וויסענשאַפט, קונסט און פאַרנונפט זאָל קענען באַוועלטיגען אַלע אונגערעכטיגקייטען און אונמענשליכקייטען אויף די וועגען צו אונזער אייגענטליכער צו־קונפט און באַשטימונג. (זאָגאַר דורך מאַכט און קראַפט פון טיעפסטער מאַטעמאַטישער קלוגשאַפט פון וויסענשאַפטליכען פערספעקטיוו).

אין אַ וועלט וואָס איז אָרגאַניזירט דורך די ריכטיגע פּרינ־ציפּען פון מענשליכער מאָראַל — קען דער מענש ווירקליך זיין דאָס וואָס ער דאַרף זיין — „וועלט בירגער, ער קען האָבען זיינע ראַפינירטע און ענטוויקעלטע באַגריעפען פון קונסט, ליטעראַטור, — ער קען זיין אַ ציוויליזירטער חכם, (ווען נישט אַ געבוירענער חכם). ער קען און דאַרף זיין מעהר אָדער ווייניגער אַ וויסענ־שאַפטסמאַן ווי יעדער דאַרף דאָס זיין. ער קען האָבען און מוז האָבען צייט צו רעאַגירען אויף אַלע פאַסירונגען און דערשיינונגען פון מענשליכען און וועלטליכען לעבען. ער מוז זיין דער ריכטיגער באַשטימער פון „גוט און שלעכט״, פון „מילד און בייז״ אין אַלע צייטען פון זיין עקזיסטענץ.

טאָר אָבער קיין מאָל נישט ווערען — און קיין מאָל נישט זיין שקלאַף און מאַריאָנעט — און אַ מיטעל צו אַלץ וואָס פאַלש און שלעכט איז — צו אַלץ וואָס נידריג און פאַרדאָרבען איז.

מיר מוזען נישט נור זעהען דעם פּראָגרעס אין דער וועלט פון טעכניק און מאַטעריעלער ציוויליזאַציאָן אַליין — נור אויך אין דער וועלט פון מענשליכען לעבען אין אַלע גייסטיגע שטופען, אין אַלע גייסטיגע איבערלעבונגען און דורכלעבונגען, אַ קריסטאַליזירען פון אַלע לעבענס קוואַלען צו אונזער גאַנג און מאַרש צו דער באַשטימטער צוקונפט און וועלט אָרדנונג.

יעדער מענש מוז צו דעם ווערען אַ טרייער „אינספּעקטאָר פּרעפעקט״, ווערען דער אַבסאָלוטער מיטגליעד און פּאַרטיי פאַר־אייניגטער צו דער ריזיג געוואַלטיגער שטרעבונג — און פאַרוועדטס קומען מיט הערלישער קאָנצענטראַציאָן דורך אַלע קוואַלען פון קראַפט, מאַכט, מוט, ענערגיע, וויסענשאַפט, קונסט, קלוגשאַפט, ציוויליזאַציאָן, טעכניק, און אַזוי ווייטער...

אַלזאָ: שטעה אויף געשעפף פון דער וועלט און פון אַלע אייביגקייטען צו דיין באַשטימטען באַרוף פון אַ באַנייאונג און אַ רענעסאַנס פון אַלע גוטע אייגענשאַפטען צו אַן אייביג קלאַסיש מאָדערנע ערא און אַן אַטמאָספערע פון ליעבע, גליק און פאַרגעניגען — פאַר יעדען מענש באַזונדער, און פאַר אַלע מענשען צוזאַמען.

די „עראַטיק" און די „ליעבע"

די עראַטיק — פאַר וועמען די רעליגיאַנען און פרומע וועלט האַט זיך אַזוי אַלע מאָל געשראָקען, און אימער פאַרזאָגט פאַר פיינדליך און פאַלש — פון וועמען עס איז כדי צו אַנטלויפען, איז אויך די עראַטיק געוואָרען פאַרלייקענט און באַקעמפפט פון רע־גירונגען און פון דער בירגערליכער מענשהייט פון פאַמיליען דיס־ציפּלין — און פון דעם אונבאַשרענקטען אַבסאָלוטיזם דורך דעם גייסטיגען דעקאַדענץ און פאַנאַטישען פּראָווינציאַליזם. (אויב מיר קענען דאָס אַזוי אָנרופען).

אָבער פיעל מאָל מעהר איז געוואָרען באַקעמפפט און דעגראַ־דירט דער געוויסענלאָזער טריעב פון פרימיטיווער נאַטור וואָס קומט אין קאָנטראַסט מיט דעם מענשליכען געדאַנק פון סיסטעם און אָרדנונג.

און די מענשען האָבען דאַמאָלסט פאַרשטאַנען (און מאַנכע דענ־קען נאָך היינט אויך דאָס זעלבע) אַז דער סעקסועלער טריעב פון שטאַרקע רעגונגען איז „עראָטיק", — וואָס איז געוויס נישט ריכטיג. און ווען די מענשען באַקעמפען די געוויסענלאָזיגקייטען פון פּרי־מיטיווע נאַטירליכע איבלען — האָבען זיי געוויס אַ רעכט דערצו, אָבער דאָס עראָטישע איז אַ הויכער גראַד פון מענשליכע נאַטירליכע פּראָצעסען, און קאָנצענטרירט זיך נור איבערהויפּט ביי דעם גייס־טיגען מענשען פון אַ ראַפינירטער אינטעליגענץ.

פאַרשטייט זיך אַז דער ראַפינירטער אינטעליגענט מוז אויך האָבען דעם מאָראַלישען געוויסען פון מענשליכען פּערספּעקטיוו — ווי יעדער מוז דאָס האָבען — יעדער וואָס איז נור אַ מענש.

די אינטעלעקטועלע און צאַרט עדעלע נאַטורען האָבען מעהר אין זיך דאָס עראָטישע ווי די דורכאויס פיזישע נאַטורען, און ווען עס איז ביי דעם דורכאויס פיזישע נאַטור נישט מעהר ווי נאַ־טירליך סעקסועלער טריעב — איז דאָס ביי דעם אינטעלעקטועלען מענשען דער פּראָדוקט פון פאַנטאַזיע און טרוים, צאַרטע לירישע געפיהלען דורך אַלע חושים פון הויכע איבערלעבונגען — וואָס

איז פילייכט נישט צו דערקלעהרען, און איז נאָך ווי אַ סוד אין דעם אוניווערסאַלען עקזיסטענץ פון דער אייביגקייט.

אַזוי ווי די פיינע סטרונעס אויף די מייסטער פידלען און וויאָלין טשעלען, אָדער אויף די קלאַווישען פון דער גרויסער מייסטער פיאַנאָ — קענען נור וויברירען און אַרויס געבען אַזעלכע איבערמענשליכע טענער — אַזוי איז די עראָטיק אַ וויברירען און אַ פּראָצעס ביי די פיינע ראַפענירטע עדעל נאַטורען וואָס זיינען גלייך צו די צאַרטע וויאָלינען און וויאָלין טשעלען און קלאַווירען.

דער עראָטישער מענש האָט אין זיך מוזיק און ריטם, און איז ווי דער טעלעגראַף — ראַדיאָ — און קייבעל — פאַראייניגט מיט דעם אַל פון דער אייביגקייט און נאַטור. דאַרום — קומט דאָ די עראָטיק אַלס אַ פאָלקאָמענהייט און זעלטענע ווירדיגע אייגענשאַפט — ווי די זעלטענע ווירדיגקייט פון פערלען, בריליאַנטען און טייע־רען גאָלד — וואָס די מענשען ווייסען דאָס שוין ווי אַזוי צו שעצען און אַנערקענען פון טויזענטער יאָהרען פאַרגאַנגענהייטען. דער עראָטישער מענש האָט אַ געוואַלדיגען חוש פאַר פאַרבען, און נעמט דאָס אויף אין זיך נאָך קרעפטיגער ווי דער בעסטער פאָטאָגראַ־פישער אַפּאַראַט (וואָס איז דורכאויס פון מעכאַנישער קוואַליטעט). — אַזוי איז דאָס ביי דעם עראָטיקער אין געגענטהייל דער פסיכיש פיזישער מאַגנעטיזם וואָס רעאַגירט אויך דורך די נשמה פון גע־דאַנק און טרוימען וועלט...

מיר קענען די עראָטישע כאַראַקטערען רופען פילייכט ? — די אַרטיסטישע געבוירענע נאַטורען — ווי די געשטאַלטיגקייט און פאַר פערזענליכקייטס און פאַרמענשליכקייטס קולט שפיעלט די ערשטע פידעל — דורך די אַקטואַליטעטען פון עראָטיש דראַמאַטישע באַ־לעבונגען און דורכלעבונגען. — אַ הויך „עקסטרעם ראָמאַנטישער רעאַליזם" אין קאָנטראַסט צו דער דורכאויס „עקסטרעם אידעאַלער ראָמאַנטיק". די עראָטיק מאַניפעסטירט זיך אַזוי — ווי די פרינציפּען אין דעם אַסטראָנאָמישען אוניווערס — אָבער אויך אין אַ גאָר אַנדערען געביעט און אויסדרוק, ווייל עס זיינען אויך דאָ די פרינ־ציפּען פון א פסיכישע אַסטראָנאָמיע.

די מאָראַל פון דעם עראָטיקער קען נור רעאַליזירט ווערען דורך די עקסטרעמע וויסענשאַפט — וואָס אַנערקענט דעם מענש־ליכען אָווענטויער און פרייהייט פון נאַטור דורך אַ פאַרנונפטיגער

וויסענשאַפטליכער זיטליכקייט צו די קוואַלען פון געזונד, פאַרגע־ניגען גליק און קראַפט.

יעצט קומען מיר צו דעם געביעט פון דעם באַגריעף „ליעבע".

די „ליעבע" איז שוין טויזענטער יאָהרען באַזונגען געוואָרען, און גאָר פיעל ראָמאַנען און נאָוועלען געשריבען וועגען דעם — אָבער אין די מעהרסטע ראָמאַנען און נאָוועלען איז עס נור געווען דאָס עלעמענטאַרע אָדער דאָס אינצעדענטאַלע — אָדער גאָר אַ „פסעוודאָ ליעבע" — עס איז געוואָרען געמיינט „די ליעבע" אָבער עס איז ניט געווען דאָס ווירקליכע, דאָס העכסטע...

ליעבע איז „געניוס" פון דער מענשליכער דערהויבענקייט. און אַזוי ווי דער „געניוס" איז זעהר זעלטען — אַזוי איז אויך די „ליעבע" נאָך נישט פון דער אַלגעמיין פאָפולערע מאַניפעסטאַציעס אין אונזער סאָציאַלען לעבען — נור עס איז דערווייל נאָך גאָר אַ קאָמפליצירטע אינדיווידואַליזיאַציאָן פון זעלטענע דערשיינונגען.

די מענשען פון ליעבע האָבען אין זיך גאָר אַ הויכען כאַראַקטער און אַ קאָנצענטראַציע פון אַלע גוטע עלעמענטען אין זיך — ווי עהרליכקייט, צאַרטקייט, אינטעליגענץ, וויסען, און רייך מיט געפיהלען, פאַנטאַזיען, און טרוים.

דער „ליעבעס מענש" שאַפט זיך אין זיין גייסט די געשטאַלט פון דער פערזענליכקייט פון דעם „ליעבעס אידעאַל" — אָדער באַ־געגענט און טרעפט צופעליג דעם פערזאָן און די געשטאַלט אין דער געזעלשאַפט אָדער אין איינזאַמער אַטמאָספערע — עס פאַראייניגט זיך דער קאָנטאַקט און גייסטיגער בונד מיט מעכטיגער קראַפט — און זיי זיינען אויף אייביג אין זיך באַוועלטיגט אין אַ ליעבעס לעבען דורך פיהלענדיג און דורך וויברירענדיג דורך די צאַרט עדעלע סטרונעס פון דער אייגענער זעעלע און נשמה דעם סוד פון אייביג־קייט און איבערמענשליכען גליק.

אַזוי ווי די „ליעבע" איז עקסטרעם און דורכאויס אינדיווידו־אַליזירט — אַזוי איז די עראָטיק — עטוואָס אויף אייניגע גראַדען אַ סאָציאַליזירטער קולט.

די „עראָטיק" זוכט עקזעמפליאַרען פון פיזיאָגנאָמיען, און שיינ־הייטען, אַרטיסטישע פאָרמען, און קאָנצענטרירט זיך נישט דורכ־אויס אויף דער עקסטרעמער אינדיוויזואַליזאַציאָן — נור מעהר אין דעם פאַנטהעאיסטישען באַגריעף פון וואָרט.

די „ליעבע" קען זיך נור צום קרעפטיגסטען ענטוויקלען אין

דער פאָלקאָמענער יוגענדליכקייט — אין דעם פריהלינג פון מענש־ליכען לעבען — אין דעם פריהלינג פון דער מענשליכער נאַטור. צו שפּעט — איז פאַרשפּעטיגט.

אַזוי ווי דער קינסטלער קען נישט מעהר דערגרייכען די העכסטע מדרגה ווען ער פאַנגט צו שפּעט אַרויס רופען זיינע אַר־טיסטישע אייגענשאַפטען און זיין טאַלאַנט — אַזוי קען שוין נישט דער ליעבעס העלד זיין העכסטע ליעבע דערגרייכען.

ביי אונדערגרייכטע און נישט געפונענע ליעבע ווערט שוין דער באַטרעפענדער מענש — אַ טראַגישער פּערזאָן, אַ טראַגישע פיגור, זיין גאַנצען לעבען.

אָפטמאָל פאַרוואַנדעלט זיך אַזוי פּערזאָן צו דעם עראָטישען כאַראַקטער — וואָס וויסט גראָד נישט פון פאַרשפּעטונג.

אין יעדער צייט שפּילט די נאַטור די עראָטישע דראַמאַ — אין מענשליכען פריהלינג, אין מענשליכען זומער, אין הערבסט — און אויך אין דעם אַלטען גרויען ווינטער אַריין.

עס בלייבט נור אַ פראַגע — אויף מענשליכע מעגליכקייטען? אַזוי ווי כמעט יעדער געניוס גיבט זיך איבער צו איין געוויסען גע־ביעט — הויפּטזעכליך.

מעהר ווי צו אַלעס אַנדערע — נור אויף איין געביעט איז דער געניוס אַמשטאַרקסטען געניוגט — (און דאָ איז נישט קיין פראַגע פון פּראָפּאָרציאָן? אַז דער געניוס זאָל איינטהיילען זיין געניאַלי־טעט פאַר אַלע געביעטען). אַזוי איז דער ליעבעס מענש נור דורכ־אויס גענייגט צו דער ליעבע — טראָטץ דעם קען ער נאָך פיעל אויפטוהן און מיטווירקען פאַר דעם גוט און וואויל — פאַר דער געזעלשאַפט און וועלט אין אַלגעמיין.

דאָס מיינט אויך אַז צו ליעב דער פּראָפּיטען פון געזעלשאַפט־ליכען „וואויל זיין" איז נישט כדאי צו אָפּפערען די ליעבע — איבער־הויפּט.

ווייל פאַר די ווירקונג און טיכטיגקייט פאַר דעם געזעלשאַפט־ליכען „וואויל זיין" פעהלט נישט קיין קרעפטען — זיי דאַרפען נור ריכטיג אַרויס גערופען ווערען.

אַלזאָ — קענען מיר שליסען — אַז דאָס גרויסע הויכע וואָרט „ליעבע" איז אַ מייסטער דערגרייכונג פון דער אַרטיסטישער נשמה און כאַראַקטער. — און גוט וועט זיין די וועלט ווען די „ליעבע" וועט זיך קענען גינסטיג מאַניפעסטירען אין דעם גרויסען יום טוב פון מענשליכען לעבען.

דער טוריסטישער כאַראַקטער

מיט דער ענטוויקלונג פון אונזער ציוויליזאַציאָן און קולטור האָבען זיך אויך ענטוויקעלט די טוריסטישע מעגליכקייטען אין דער וועלט, און מיר זעהען יעצט פאַר זיך גרויסע באַוועגונגען אין אַלע לענדער וואָס באַשטרעבען די וואַנדערשאַפט אויף פאַרשיעדענע גע־ביעטען פון גייסט, — מאַנכע פאָרען אין די גרויסע שטעדט מיט די באַרימטע זעהענס־ווירדיגקייטען, מאַנכע אין קליינע אידילישע רוהיגע שטעדטליך, מאַנכע בענקען נאָך דאָס אָנבאַקאַנטע און דאָס נאָך נישט אויפגענומענע — (אַזוי ווי דער פאָטאָגראַפישער אַפּאַראַט איז אימער גרייט עטוואָס אויף צו נעמען), — אַנדערע בענקען נאָך דעם געבורטס־לאַנד ניי צו מאַכען אַלע זכרונות, און פיעלע באַגערען די וואַנדערשאַפט צו ליעב מענשליכע אַוואַנטור און אינטערעסאַנטע איבערלעבונגען, און פיעלע זוכען די וואַנדערשאַפט צו ליעב אַן ענ־דערונג אין אַ רואיגען יום טוב. די אַלע געפיהלען און אייגענשאַפטען פון מענשען זיינען נאַטירליך, גייסטיג און נשמה׳דיג.

דאָך גיבט עס פיעלע לענדער אין דער וועלט ווי דער טוריס־טישער כאַראַקטער קומט ווייניגער צום אויסדרוק און איז קלענער און באַגרענעצט.

דאָ איז נאַטירליך אין מעהרסטען פאַל שולדיג די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע לאַגע פון לאַנד.

זעהען מיר זיכער — אַז אין די לענדער וואו עס איז דאָ בעסערע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען, און ליבעראַלע פרייהייטען איז דער טוריזם אַ פּראָצעס פון לעבהאַפטע רעגונגען.

קומען מיר יעצט צו דער פראַגע — איז דער טוריסטישער כאַראַקטער וויכטיג אויך פאַר דעם בירגערליכען באַגריעף? — איז דאָס טוריסטישע אויך וויכטיג פאַר דעם אייגענעם לאַנד און רעגי־רונג? קען זיך נישט דורך דעם פיהלען אַ קריזיס אין די אייגענע קוואַלען און קרעפטען פון דעם באַטרעפענדען לאַנד?

קענען מיר אויף דעם מיט זיכערקייט זאָגען — אַז די רעגירונג און דער שטאַאַט פון מענשליכען פאַרנונפט און קלוגשאַפט וועלען די פראַגע באַוויטיגען און געבען אַ מעגליכקייט די בירגער פון לאַנד צו עקזיסטירען אַלס מענשען אויך פאַר דער וועלט פון אַ ברייטערען לעבען. און די רעזולטאַטען וועלען געגענזייטיג גוט און נאָך בעסער זיין.

דער מענשליכער אינטעלעקט באַגרייפט מיט לאָגישען פאַר־שטאַנד און שכל — אַז מאַראַלישע, גייסטיגע פאַרגעניגונגס באַשטרע־בונגען, צי נאַטירליכע פיזישע באַשטרעבונגען פון וויסענשאַפטליכע זיטליכקייט אויף אַלע געביעטען — זיינען דעמאָנסטראַציאָנען פון מענשליכען לעבען. דער עגאָיזם פון איין לאַנד צו דעם אַנדערען דאַרף נישט עקזיסטירען, נור פאַרקעהרט אַ טאָלעראַנטע ליבעראַלע גוטמוטיגקייט דאַרף פאַרנעמען דעם פלאַץ.

עס זיינען דאָ מיליאָנען מענשען וואָס האָבען קיין געפיהל פאַר טוריסטישע איבערלעבונגען, פאַר די מענשען וועט זיין וויכטיג זיך צו באַקענען מיט דער ברייטער וועלט דורך דער גרויסער מאָדערנער מעגליכקייט פון פילם, — און נייעסטער טעכניק.

אָבער פאַר דעם טוריסט איז דאָס זעהען אַליין נישט די הויפט זאַך. עס איז וויכטיג אויך דראַמאַטיש און רעאַל מיט צו לעבען אין די פאַרשיעדענאַרטיגע לענדער און לעבענס אַרטען, אויפנעמען אין זיך די קאָמפּליצירטע פיעל פאַרביגע נאַטור — פאַקטיש און קאָנ־קרעט, די אָריגינאַלען פון דער קונסט וועלט קענען נור אין די באַ־שטימטע פלעצער געזעהען ווערען. די פאַרשיעדענאַרטיגקייט פון מענשליכען געשעפף דורך פיזישע פאָרמען און געשטאַלטיגקייט, — און גייסטיגער פיזיאָנאָמיע דורך שטימע, קלאַנג — און שפּראַך — איז אויך פון די וויכטיגסטע עקזעמפּליאַרען צו באַקענונג.

דער מענש וויל אַלזאָ אויך דורכלעבען עטוואָס צו באַרייכערען זיין זכרון מיט פאַרשיעדענאַרטיגע און אינטערעסאַנטע זכרונות.

דאָס הייסט אַז אין יעדען מענשען געפינט זיך אַ דאָן קיכאָטי־שער גייסט. (מעהר אָדער ווייניגער).

דאָן קיכאָט קען אויך אַלס טוריסטישער גייסט באַטראַכט ווערען אין זיין פריינד סאַנטשאָ פּאַנצאָ אין קאָנטראַסט.

דאָך קענען מיר דעם טוריסט נישט באַטראַכטען אַלס אַ פאַנטאַזיאָר און ווינד־מיל קעמפּפער — נור אַ כאַראַקטער וואָס פאָלגט נאָך די

באַגערען פון זיין מענשליכער נשמה אויף אַ סיסטעמאַטישען און ציוויליזירטען וועג.

ווי אַזוי נעמט אַלזאָ די וועלט אויף יעצט דעם טוריסט — אַלס מענש פון דער גרויסער מענשהייט פאַמיליע — צו וועמען עס איז נויטיג אַכטונג און רעספּעקט און אַ מענשליכע עדעלע באַציהונג ? אָדער דער טוריסט ווערט מעהרכטענס באַטראַכט אַלס אַ שליח און אַ געלט ברענגער וואָס דאַרף באַצאָלען אַ חוב ? (וואָס האָט קיין מאָל נישט געבאָרגט).

עס איז אַ פאַקט אַז דורך אונעהרליכע און אונגאַטירליכע מיטלען קען געשאַפען ווערען אַ בייזע שטימונג און אַ שלעכטע באַנעמונג קעגען דעם טוריסט. עס וועט נישט העלפען צו דערפאַרשען דעם ווירקליכען גרונד — דער טייפעל פון אונוויסענהייט שפּיעלט דאָ אויך די געוויסע ראָלע, — און דאָס איז געוויס אַ גרויסע אונגערעכטיגקייט.

דער טוריסט מוז ווערען באַטראַכט אַלס אַ וויכטיגער מענש, און מוז רעספּעקטירט ווערען אַלס אַ פאַמיליאַרער מיטגליעד פון דער גאַנצער וועלט, אַ מענש וואָס אָפּפערט פלייס און אַרבייט, און ברענגט דורך דעם אויך הילף און געגענזייטיגע שטיצע אויף פאַר אַנדערע לענדער — דורך זיינע אייביגע מענשליכע שטרעבונגען און אידעאַלען.

דער עלעפאַנט מיט די אויגען גלעזער

(דערצעהלונג)

אויף די גאַסען פון קאַלקוטאַ איז אַמאָל באַרימט געוואָרען אַ פאַקיר און מאַגיקער וועלכער איז גאָר געקומען פון אַ קליינער אונבאַדייטענדער פּראָווינץ שטאָדט, וואָס איז זאָגאָר נישט באַצייכענט געוואָרען אויף דער געאָגראַפישער לאַנד קאַרט. — דער פאַקיר האָט זיך גערופען מיט דעם נאָמען „אָזשער־מיניום" און זיין פּאָפּולאַריטעט האָט זיך אויסגעברייט אין פיעלע פּראָווינצען און שטעדט. — ערשטענס צווישען די מענשען וואָס פלעגען קומען אין אַ יום טוב נאָך קאַלקוטאַ, — און צווייטענס האָט דער פאַקיר אויך געמאַכט וויזיטען אין די ווייטסטע מקומות פון לאַנד, און האָט זיינע וואונדער געצייגט אייבעראַל.

אָבער זיין באַקאַנטשאַפט און פּאָפּולאַריטעט האָט דער פאַקיר נישט צו פאַרדאַנקען זיין צו גרויסען טאַלאַנט — נור אַ גליקליכען צופאַל, — הערט אַ מעשה!

אין דער זעלבער צייט ווען דער פאַקיר איז געקומען נאָך קאַלקוטאַ, האָט דאָרטען אין קאַלקוטאַ דאַמאָלסט עקזיסטירט אַ זעהר שעהנער גרויסער עלעפאַנט וועלכער איז באַקאַנט געווען אַלס דער גרעסטער שלינגער און עסער פון אַלע צייטען און דורות, — אויב עס איז אַמאָל יאָ געווען אַ גרעסערער העלד? דאָס לאַנד און דאָס פאָלק האָט אָבער פון דעם קיין רעקאָרד נישט געהאַט.

עס זיינען דערצעהלט געוואָרען לעגענדעס? אָדער ווירקליכקייטען? — אַז ווען דער עלעפאַנט פלעגט גאַסטראָלירען אין די גרויסע רעסטאָראַנען פון דער שטאָדט וואו עס פלעגען זיין פאַרזאַמעלט די רייכסטע לייט, מיליאָנערען, גראַפען, באַראָנען און פּרינצען, האָט ער נישט נור געשלונגען פון די אַרומיגע טישען די געבראָטענע גענז, אינדיקעס און הינער — נור פלעגט אויך איינשלינגען

די טישען מיט די טעלער, די זילבערנע פאַנען מיט די גאָלדענע קריגען וויין און מילך צוזאַמען, די גרויסע פראַכטפולע לעמפּ מיט דעם קעראָסין און אויל — אַלץ איז ביי איהם געווען אַ מאכל און דאָס איז געווען נאָך ווייניג האָט ער אָנגעהויבען שלינגען די צילינדער הוטען פון די אייראָפּעאישע געסט, די וואונדערליכע האַנד בייטלען און פעכער מיט די קאָסמעטיקס פון די עלעגאַנטע דאַמען, מיט איין וואָרט — אַלץ איז ביי דעם עלעפאַנט געווען אַן ענין פון שלינגען.

ער האָט זיך אַמאָל פאַרגונען דעם לוקסוס איינצושלינגען אַ פּאָר בריליאַנטענע שיכלעך און אַ גאָלדענעם קאָרסעט פון אַ גאָר וואונ־דערליך שעהנע פּרינצעסין, און ווען דער קעניג איז אַמאָל פאַרביי געריטען אויף זיין ריעזיג מייעסטעטישען פערד — האָט דער עלע־פאַנט געגעבען אַ שלונג איין דאָס פערד און דער קעניג איז געבליבען זיצען אויף דער פשוט׳ער ערד אַ פאַרשעמטער און אַ באַליידיגטער.

נון דאַרפט איהר גרעסערע וואונדער ?

אַזוי — הערט שוין וואָס עס פאַרלויפט זיך ווייטער.

דער גרויסער פאַקיר אַזשער־מיניום האָט באַקאַנט געמאַכט איין דער גאַנצער שטאָדט קאַלקוטאַ — אַז ער וועט ווייזען פאַר׳ן עולם אַ וואונדער, אַז די אונבאַגרענעצטע מאַכט און קראַפט פון דעם גרוי־סען באַרימטען עלעפאַנט „געטליכען וואונדערליכען שלינגער״ איז באַגרענעצט. ער וועט ווייזען דעם פאָלק פון קאַלקוטאַ — אַז דער געטליכער עלעפאַנט וועט בלייבען שטיין און מעהר נישט קענען שלינגען און באַווייזען זיינע געוואַלטיגע אונגלויבליכע וואונדער.

דאָ האָט זיך געגעבען אַ הויב אויף אַ שטורעם איבער גאַנץ קאַל־קוטאַ, — מיר דאַרפען נישט פאַרגעסען אַז דער עלעפאַנט האָט שוין זיינע גלויביגע אין די הונדערט טויזענטער, עס האָט געוועשט און געדונערט אַ וועלט, די צייטונגען זיינען געווען פיעל מיט נייעס און איינצעלהייטען פון דער אויסערגעוועהנליכער פאַסירונג, אין די ווינק־לען און אויך אין צענטער פון שטאָדט איז געווען אַ גערעדעריי און אַ פּאָלעמיק, עס האָט זיך געטוהן אויף טיש און אויף בענק — ביי־נאַכט און בייטאָג.

דריי טאָג פריהער איידער דער גרויסער טאָג איז באַשטימט געוואָרען — איז זיך „אַזשער־מיניום״ צוזאַמען געקומען מיט דעם געטליכען עלעפאַנט און האָט זיך מיט איהם אַזוי אויסגערעדט: אויב ער, דאָס הייסט, אַז ווען אַזשער־מיניום וועט זיין דער זיעגער זאָל דער עלעפאַנט צו איהם געהערען אויף אַ פּאָר יאָהר צייט, און אויב אַז

דער עלעפאַנט וועט זיין דער זיגער — זאָל ער אַליין אויך ווערען איינגעשלונגען פון איהם.

עס איז אַזוי באַשלאָסען געוואָרען.

ויהי היום — עס איז אָנגעקומען דער טאָג. עס האָבען זיך אָנגע־הויבען פאַרזאַמלען די הונדערט טויזענטער אויף דעם גרויסען ברייטען סקוועער אין דעם צענטער פון שטאָדט, עס איז געצאָלט געוואָרען די גרעסטע סומען פאַר דעם איינגאַנג, עס זיינען געקומען מענשען פון ווייטע פראָווינצען, שטעדט און דערפער. זעקס שטונדען צייט האָט זיך געצויגען דער ריזיגער מאַרש פון קומענדיגע נייגעריגע.

ענדליך — עס איז העכסטע צייט, סיגנאַלען הערען זיך, און אַ קלינגען פון גרויסע שווערע גלאָקען, — די פאָרשטעלונג פאַנגט זיך אָן. די מוזיק שפּיעלט אויף צום ערשט די הימנע — באַלד נאָך דעם, — דעם באַקאַנטען העלדען און גבורים מאַרש — עס טרעט אַריין „אַזשער־מיניום" אין אַ ווייס זיידענעם מאַנטעל מיט גרויסע שווערע דימענטען געפּאַסט, באַלד נאָך דעם קומט אַריין דער עלעפאַנט אין גאָלדענע און זילבערנע בענדער און רינגען געצירט, אין פאַרשיע־דענע פלעצער שימערירען און בליצען ברילליאַנטען און טייערע עדעלשטיינער, און זיין געוואַלטיג לאַנג נאָז געצירט מיט שווערע ברילליאַנטענע רינגען —און האַלט זיך ווי שטענדיג — „אונבאַזיעג־באַרער העלד".

די צוויי העלדען באַגריסען זיך, דער עלעפאַנט דערלאַנגט זיין פוס — און אַזשער־מיניום דערלאַנגט זיין האַנד מיט טיעפער פאַר־נייגונג.

די אויסרופען און באַגייסטערונגען דונערען אין דער לופט, און איינס־צוויי עס ווערט שטיל, אַזשער־מיניום גיבט אַ הויב אַ שטע־קעלע און עס טאַנצען אַרויס צוועלף טישען געדעקט מיט די טייער־סטע מאכלים מכל המינים, עס פאַנגט אַזש אָן דעם עלעפאַנט צו שווינדלען אין די אויגען. אָבער דער העלדישער שטאָלץ דערוואַכט... אין צוועלף מינוט צייט, עס איז גאָר נישט דאָ. — אַזשער־מיניום גיבט אַ הויב זיין שטעקעלע צום צווייטען מאָל, עס טאַנצען אַרויס פיר און צוואַנציג טישען געפּאַקט און באַשטעלט מיט געבראָטענע קעלבער, אָקסען, מכל המינים, פלעשער וויין, ליקערען, שאַרפע געטראַנקען — און אַזוי ווייטער, אַזש — דער עלעפאַנט פאַנגט אָן צו פאַלען אונטער זיך פאַר שרעק חס וחלילה צו פאַרלירען זיין וועלט טשעמפּיאָנשיפּ — דעם טיטעל — גיבור הגבורים של העולם, אָבער דער עלעפאַנט

גיבט זיך אַ הויב אין דער הויך און נעמט זיך ווידער צו דער אַרבייט מיט אַ געוואַלטיגער ענערגיע, — ער שלינגט די קעלבער מיט די געבראָטענע אָקסען, דעם ווײַן און די ליקערען מיט די פלעשער צוזאַמען — אַזוי אַז ער טראָגט שוין אין זיך אַ ריזיג געשעפט — אַ מאַגאַזין פון אַ גרויסע שטאָדט. דער עולם איז ערשטוינט פון די וואונדער און שרייען און רופען מיט פאַרשיעדענע שפּרוכען און ווער־טער וואָס זיינען גאָר נישט צו פאַרשטיין פון די גרעסטע שפּראַכען קענער, עס האָבען נאַטירליך זעהר פיעל מענשען איינגעשטעלט געלד אויך אין אַ געוועט — און יעדער צד וויל געווינען — האָבען זיי אויך פאַרלוירען דעם ריכטיגען לשון.

אָבער מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ — גיבט אַזשער־מיניום אַ הויב זיין שטעקעלע צום דריטען מאָל — און ס׳שפּרינגט אַרויס פון אונטער דער ערד אַ טיש מיט אַ געבראָטענעם עלעפאַנט אַזוי גרויס ווי דער אידישער גלות — אַרום געריגנעלט מיט אַפּעטיטליכען סאַ־לאַט — גרינצווייג מכל המינים אַזוי ווי פון אַ גוטער פראַנצויזישער קיך. — דער עלעפאַנט האָט דאָס געגעבען אַ דערזעה — איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען און האָט אָנגעהויבען פאַלען אונטער זיך און געוואָרען באַוואוסטלאָז. עס איז אַ געוואַלטיגער גערויש און געטומעל, און ס׳איז פאַרביי צוואַנציג מינוט און דער עלעפאַנט איז נאָך אַלץ אין אַ באַוואוסטלאָזען צושטאַנד, דאָ האָט דער רעפעריע אויס גערופען, אַז פון היינט אָן און ווייטער איז „אַזשער־מיניום" — וועלט טשעמפּיאָן — „גבור הגבורים של העולם".

און ווען דער עלעפאַנט האָט דערוואַכט און געקומען צו זיך — איז ער צוגעגאַנגען צו „אַזשער־מיניום" (וואָס האָט שוין געטראָגען אַ זיעגער קראַנץ אויף זיין קאָפּף) און האָט צו איהם געזאָגט בזה הלשון:

דו האָסט געזיעגט גרויסער מייסטער! איך באַלאַנג צו דיר, נור איין זאַך וואונש איך פון דיר — דו זאָלסט מיר נאָך געבען, — קום מיט מיר צו אַ דאָקטאָר, זאָל ער מיר פאַרשרייבען אַ פּאָר אויגען גלעזער, אַז איך האָב מיך געקענט אין מיין גרויסקייט אַזוי אָפּנאַרען, וויל איך פון היינט און ווייטער טראָגען אַ פּאָר אויגען גלעזער.

„אַזשער־מיניום" האָט דאָס איהם צו ליעב געטוהן.

און פון דאַמאָלסט אָן — האָט אויף די גאַסען פון קאַלקוטאַ פון צייט צו צייט פּאַראַדירט אַן עלעפאַנט מיט אויגען גלעזער.

דער פּראָזיאָלאָג פון „באַרמאַ־קאַנטשיאַ״

(דערצעהלונג)

אין דער אוניווערזיטעט פון דער דאָזיגער שטאָדט, (אַזוי ווי מיר קענען נישט אין דער דערצעהלונג שטעלען דאָס וואָרט „פּאַקטיש״ וועלען מיר באַנוצען דעם אַנדערען באַגריף), איז אונפּאַקטיש געווען אַ באַרימטער פּראָפעסאָר וועלכער האָט געהאַט אַ וועלט נאָמען אַלס דער גרעסטער „פּראַזיאָלאָג״, איז אויך געווען אַ דיכטער און ליטעראַט און פלעגט געבען קורסען פאַר „ליעבעס דערקלעהרונגען״ און דעקלאַמאַציע — און אויך צו דעם געביעט פון וואָרט אויסדרוק, ווי אויך אַלגעמיינע שפּראַך מייסטערשאַפט.

האָט אויך געוואונען איניגע גרויס־פּרייזען אויף ליטעראַרישע קאָנקורסען און איז געווען בכלל אַן אַלגעמיין אַנערקענטער פּערזאָן.

האָט זיך איין טעגליכע צייטונג פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיגען פּראָפעסאָר און איהם איינגעלאַדען פאַר מיטאַרבייטערשאַפט. דער פּראָפעסאָר האָט גערען אָנגענומען די איינלאַדונג — אָבער האָט געשטעלט איין פאַרלאַנג, פּאָלגליך — אַז אַזוי ווי ער איז אַ גרויסער פּראָזען שעפּפער, וועלען דאָך די לעזער נישט פאַרשטיין — זאָל ער נישט צו פיעל באַלעסטיגט ווערען וועגען דעם — ווייל ער האָט ווייניג צייט און מוז נור דורכאויס פאַרטרעטען די קאַטהעדרע אין דער אוניווערזיטעט.

פרעגט דער רעדאַקטאָר: וואו וועט ער געפינען אַזאַ עקספּערט וואָס זאָל קענען דערקלעהרען אַט די אַלע גרויסע שעהנע פּראָזען וואָס דער גרויסער מייסטער וועט אַרויס ברענגען?

דאָ האָט זיך דער פאַרעהרטער פּראָפעסאָר פאַרטראַכט אין אַ פאַרלעגענהייט, טאַקע אַליין אויך נישט געקענט געבען קיין עצה, — אָבער ענדליך האָט ער זיך געגעבען אַ גלעט איבער דעם גרויסען שטערען פון זיין שעהנעם באַוואַקסענעם געקרייזעלטען קאָפּף און גע־

זאָגט בזה הלשון: ליעבער רעדאַקטאָר! איך זעה אַז איהר זייט גע־רעכט, — אַלזאָ, איך וועל יעדען טאָג פון פינף ביז זעקס אייך פער־זענליך דערקלעהרען אַלע מיינע קאָמפּליצירטע פראַזען דורך מיין פּריוואַט טעלעפאָן — און איהר וועט דאָס איבערגעבען צו אייערע פאַרעהרטע לעזער. —אַלזאָ פאַרשרייבט זיך מיין טעלעפאָן: קאָנ־ספּיראַציאָן צוויי־זיבען־דריי־זעקס.

דער פאַרעהרטער רעדאַקטאָר איז געבליבען צופרידען.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז שוין אָנגעקומען אַן ערצעהלונג אין דער רעדאַקציאָן מיט דעם נאָמען „די מאָדערנע וועלט“, (איך גיב דאָ אין קורצען אַן אויסצוג, אַ פראַגמענט).

דורך דעם אונגעדולד און גרויסע באַגערען פון דער מענשליכער וועלט פאַר אַ נייע ערא אין אונזער צוואַנציגסטען יאָהר הונדערט, האָבען זיי געגעבען אַ יאָג פאַראויס דעם פּראָגרעס מיט אַ געוואַלטי־גער קראַפט, — די נאַציאָנאַליטעט און די לאַנד גרענעצען האָבען זיך פאַרוואַנדעלט אין וועלטליכקייטס רעגיע, די גרענעצען פון פאָלקס־טהום און פאָלקס כאַראַקטער האָבען זיך אויסגעברייט צו דעם אוני־ווערסאַליזם און געגען דעם אַלטען פּראָווינציאַליזם.

יעדער מענש איז געוואָרען וועלט בירגער מיט דעם „אַ־לאַ עספּרי מאָנדען“, האָט איינער געפיהלט צו זיין אַ טוריסט — איז ער אויף די וועגען אויף די קלאַסישע מאָדערנע ווירטואָזען צו דערגרייכ־באַרע לענדער פּונקטען, די אַריסטאָקראַטישע רעלסען צוגען האָבען איהם געפיהרט, „דער שטרוים לויף צוג“ און דער „בליץ פונק עקס־פּרעס“ האָבען דעם באַגער אין אַ קורצע צייט באַפרידיגט.

דער איבערערדישער לופט טעכניקאָן האָט העלדישע שנעליג־קייטען דערגרייכט.

פאַר גרעסערע און לאַנגזאַמערע צייט באַלאַנסירונגען האָט דער סאַציאָטאָמאָביל און דער מיניאָטאָמאָביל אין לאַנגזאַמע רוהיגע גראַ־דען געפיהרט צום ציעל.

די ראָלע פון די פאַראַדיזישע אינזעל שיפען אויף דעם ים און לאַנד געוואַסערען איז געוואָרען צו אַן איבערמענשליכע מדרגה — צום העכסטען פונט פון דעם וואָרט־פּערפעקט.

דער העלד פון ליעבע האָט געפונען זיין געליעבטע און ראָ־מאַנסירט אין דער וויטער אייביגקייט אַריין.

די מענשליכע פּאַראייניגונג פון פאַמיליאַרע מאַניפעסטאַציאָן צו דעם שעפּפערישען געביעט פון פיזישער נאַטור האָט די וועגען דער־גרייכט דורך עדעל פאַרנינפטיגע און קלוגער וויסענשאַפטליכער קולטור און ציוויליזאַציאָן.

געניוס, גליק, און פאַרגעניגען איז געוואָרען דאַס מאַטאָ — און לייט מאָטיוו — פון עקזיסטענץ אין לעבען — און אַזוי ווייטער...

אַלזאָ ליעבער לעזער! עס איז נישט כדאי ווייטער די פּראָזען איבער צו געבען פון דער דאָזיגער דערצעהלונג — עס איז גענוג אַז איך קען אייך פאַרזיכערען אַז עס האָט געמאַכט אַ גרויסען פוראָר און נאָך אַ גרעסערען סקאַנדאַל.

דער רעדאַקטאָר איז טאָג טעגליך נאָך געפרעגט געוואָרען וועגען דער באַדייטונג פון די פּראָזען און אויסדרוקען, און דער רעדאַקטאָר האָט כסדר באַדאַרפען אָנפרעגען דעם פּראָפעסאָר וועגען דעם.

אייניגע טעלעפאָן געשפּרעכען האָב איך מיך פּערזענליך צוגעהערט און וועל דאַס דאָ אויפ'ן פּלאַץ איבערגעבען.

דער רעדאַקטאָר (ביים טעלעפאָן): גיבט מיר קאָנספּיראַציאָן צוויי־זיבען־דריי־זעקס.

דער פּראָפעסאָר: האַלאָ?

דער רעדאַקטאָר: האַלאָ פּראָפעסאָר מאַנדאַרין! זאָגט מיר ליע־בער פּראָפעסאָר! וואָס איז סאָציאָטאָמאָביל און מיניאָטאָמאָביל?

פּראָפעסאָר: סאָציאָטאָמאָביל מיינט גרויסע געזעלשאַפטס אוי־טאָמאָבילען, און מיניאָטאָמאָביל מיינט קליינע — וואָס זיינען ווייניגער קאָמפּאַקט.

רעדאַקטאָר: איז שוין דאָ אַ ווערטער בוך אויף דעם?

פּראָפעסאָר: דערווייל נאָך נישט, איך האָב אָבער בדעה אַרויס צו געבען אַזאַ דאָזיגען ווערטער בוך.

רעדאַקטאָר: ליעבער פּראָפעסאָר מאַנדאַרין! מיינע לעזער לאָ־זען מיך נישט צו רוה, זיי האַלטען אין איינקומען טאָג טעגליך אין דער רעדאַקציע, און דער טעלעפאָן האַלט אין איין קלינגען זיך אָנ־פרעגענדיג די באַדייטונגען פון אייערע געפליגעלטע ווערטער און פּראָזען?

פּראָפעסאָר: איך האָב געוואוסט אַז עס וועט אַרויס רופען אַ שטורם, די לעזער זיינען שוין אַזוי צו געוואוינט צו דער טעגליך

באַנאַלער שפּראַך — אַז זיי האָבען שוין גאָר נישט קיין געפיהל פאַר דאָס יום טוב׳דיגע פון רעדענסאַרט און אויסדרוק.

רעדאַקטאָר: נון — וואָס איז צו טוהן? די לאַגע איז אָנגע־שטרענגט, די ציַיטונג איז אין אַ פאַרלעגענהייט.

פּראָפעסאָר: איך קען אין דער רעדאַקציע נישט קומען דער־קלעהרען אייערע לעזער די באַדייטונג פון מיינע פראַזען.

(טעלעפאָן אָפּגעהאַקט).

רעדאַקטאָר: האַלאָ — האַלאָ פּראָפעסאָר מאַנדאַרין!

(קיינער ענטפערט ניט).

דער רעדאַקטאָר איז אַלזאָ געבליבען זיצען אַ פאַרצווייפעלטער מיט זיין גרויסע פעדער אין האַנד און עס האָט איהם שוין שטאַרק פאַרדראָסען וואָרום ער האָט די דאָזיגע דערצעהלונג אָפּגעדרוקט.

מיט היינטיגע לעזער קענען מיר זיך נישט שפּיעלען, עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ פאָליטישער סקאַנדאַל, אָרגאַניזירטע גרופּעס לעזער זיינען געקומען אין דער רעדאַקציע, אין דער דרוקעריי און דער־קלעהרט אַ ליג־דעמאָנסטראַציאָן, און זיי האָבען זיך צולייגט אויף די שרייב טישען, אויף די דרוק מאַשינען, און זיי טרעטען נישט אָפּ ביז די דערקלעהרונגען וועלן געמאַכט ווערען.

דער רעדאַקטאָר און די מיטאַרבייטער לויפען אַרום פאַרצוויי־פעלט און רויט פאַר שאַנד, אין דער שטאָדט קלינגט שוין איבעראַל די נייעס — אַז די לעזער האָבען געמאַכט אַן אויפשטאַנד געגען דער ציַיטונג.

דער רעדאַקטאָר לויפט צו אַן אויפגערעגטער צום טעלעפאָן:
— גיבט מיר קאָנספּיראַציאָן צוויי־זיבען־דריי־זעקס.

פּראָפעסאָר: האַלאָ — האַלאָ!

רעדאַקטאָר: אין גאָטס׳ ווילען — פּראָפעסאָר מאַנדאַרין! קומט שוין אין דער רעדאַקציאָן, טויזענטער לעזער האָבען זיך צולייגט אויף די שרייב טישען און דרוק מאַשינען און ווילען נישט אָפּטרעטען ביז איהר וועט פאַר זיי מאַכען אייערע דערקלעהרונגען.

פּראָפעסאָר מאַנדאַרין: איהר וועט אַזוי גוט זיין און מיר אַנט־שולדיגען — אין פינף מינוט אַרום פליה איך אָפּ מיט אַ „לופט טעכ־ניקאָן" צו דעם שטערען מאַרס — דאָרט צו פאַרנעמען אַ קאַטהעדרע אין דער דאָרטיגער אוניווערזיטעט, און אויך צו געבען אַ רייהע קור־

סען — איבער „די פראַזיאָלאָגיע דורך די מימיק פון שוויגזאַמען אויסדרוק“ — זייט געזונד.

(טעלעפאָן אָפּגעהאַקט).

רעדאַקטאָר: פּראָפעסאָר מאַנדאַרין! אין גאָט׳ס ווילען, מיר זיינען אונגליקליך, מיר זיינען פאַרלאָרען. האַלאָ — האַלאָ — האַלאָ — (קיין ענטפער).

וואָס זאָל איך אייך נאָך מעהר דערצעהלען ליעבער לעזער! די צייטונג האָט זיך פאַרמאַכט, — אין אָ דריי חדשים אַרום האָט זיך באַוויזען אַ נייע צייטונג אונטער אַ נייעם טיטעל מיט אַ גאַר נייע רעדאַקציאָן און אויך מיט אַ שטרענג קאָנסעקווענטער שטעלונג פאַר אַנטי פראַזיאָלאָגיע.

דער פּערעל זוכער — פון פּאָרט סאַאיד

(דערצעהלונג)

מאַנכע מענשען גליקט עס אַמאָל צו האָבען אַ באַרימטע פאַר־גאַנגענהייט, און עס זיינען דאָ מיליאָנען וואָס וואָלטען זיך דאָס גע־וואונשען, — אָבער דער וואונש אַליין קען נישט העלפען אין דעם, עס מוז אויך זיין, דער צופאַל, דער שיקזאַל, די אומשטענדען און אַזוי ווייטער...

איינער פון די מאַנכע איז געוועזן קלימאַנטערום, — מיר ווייסען אָבער גאָר נישט פון וועלכער נאַציאָנאַליטעט ער שטאַמט — צי גריכיש? טערקיש? אָדער גאָר פון אינדיען — אינדיאַ כינא — יאַ־פּאַן? דער נאָמען שיינט צו זיין גריכיש, אָבער איין זאַך ווייסען מיר יאָ — אַז ער האָט געהאַט אַ ביי־נאָמען — דער פּערעל זוכער פון פּאָרט סאַאיד און איז געוועזן דער גרעסטער מייסטער אויפצוזוכען די מושעלען און פּערעל אין טיעפען ים.

נישט געוועזן קיין פיש וואָס איז בעסער געשוואומען פאַר איהם. ער האָט געקענט גיין אויף דעם ים ווי אַ געזונטער מענש אויף דער יבשה, און האָט אויסגעפונען די גרעסטע צאָל פּערלען ווי וועלכער העלד אויף דעם געביעט, איז אונטער געקומען אַ וואַלפיש אונטער׳ן וואַסער האָט ער איהם צוזאַמען געדרייט אין אַ קנויל און געפאַנגען לעבעדיג און געברענגט אין שטאָדט אַריין, פאַרשטייט זיך — יעדעס מאָל ווען עס האָט פאַסירט אַזאַ אַקט איז באַלד געווען אין דער פּרעסע, און נישט נור די שטאָדט אַליין האָט זיך פון דעם דערוואוסט — נור אויך די אַרומיגע שטעדט און שטעדטלעך.

קורץ פון דער זאַך — קלימאַנטערום האָט אָנגעזאַמעלט עטוואָס קאַפּיטאַל און האָט אויפגעגעבען זיין אַרבייט אונטער׳ן ים אויף אַ באַשטימטע צייט, און האָט זיך אַרויס געלאָזט אין וועג אַריין קענען לערנען אַ ביסעל די וועלט, און אויך דורכלעבען אייניגע אָוונטויערען

אויף דער יבשה — אויף דעם לאַנד — אין גרויסע באַרימטע שטעדט, דער ים אַליין איז איהם נישט גענוג געווען — עס איז איהם שוין אַביסעל לאַנגווייליג געוואָרען דאָס כסדר׳דיגע אַרום אַרבייטען אין דער טיעפעניש פון ים.

אַלזאָ — ער האָט גענומען די ערשטע בעסטע שיף און האָט זיך אַוועק געלאָזט נאָך מאַרסעל.

דער ים איז געווען וואונדערבאַר רוהיג, און די טעג הערליך, אַ מילדע צערטליכקייט האָט געצערטעלט, און פון צייט צו צייט האָבען די זעפיר זיידענע ווינדען צו געקהילט, און דער גוטער פראַנצויזישער ווייך האָט איהם געהאָלפען אין דער יום טוב׳דיגער שטימונג — אַזוי אַז עס האָט זיך איהם שוין באַלד אויסגעדוכט אַז דער ים און דער אַרומיגער פיינער אַטמאָספּערע איז לכבוד איהם — דעם גרויסען מייסטער וואָס הויבט די אוצרות פון טיעפען ים פאַר דער ברייטער גרויסער וועלט, און ער האָט געקענט לעזען דאַנקבאַרקייט אויף דעם מילדען געזיכט פון שעהנעם ים, און עס זיינען געקומען געדאַנקען אין קאָפּ, פאַנטאַזיעס — וועגען אונבאַקאַנטע שטעדט און לענדער, אויסערגעוועהנליכע שעהנע פרויען — טאַנץ זאַלען — קאַבאַרעטען, טעאַטערען, שאַמפּאַניער, ליקערען, און פון יעדען טייערען וויין וואָס ער האָט נור געוואוסט.

אַזוי פאַנטאַזירענדיג האָט ער איינגעדרעמעלט אין אַ פיינעם עדעלעם שלאָף זיצענדיג אויף דעם דעק לעהן פלאַץ פון דער מייעסטעטישער שיף.

מיט אַמאָל דערהערט ער אַ גערויש, אַ געטומעל, ער כאַפּט זיך אויף — ער זעהט פאַר זיך די שטאָדט מאַרסעל צום ערשטען מאָל.

ער איז איינגעקומען אין אַ צווייטע קלאַס האָטעל אין אָוענט צייט, און האָט זיך עטוואָס עלעגאַנטיזירט און אַרויסגעלאָזט אין שטאָדט, דורכשפּאַצירט די הויפּט שעהנע גאַסען, — איז ער אַריין אין אַ קאַבאַרעט, אויסגעקליבען דעם בעסטען טיש וואָס נור מעגליך און באַשטעלט אַ פלאַש באַרדאָ וויין.

עס איז געווען אַרום צען אַזייגער, די געסט האָבען זיך נור וואָס אָנגעהויבען צוזאַמען קומען, אָבער דאָ און דאָרטען זיינען שוין געזעסען ׃ מאַנכע עלעגאַנטע דאַמען און יונגע פרויען מיט אָפענע מענשליכע אויגען, — אָבער מיט נאָך מעהר אָפענע אויגען איז געזעסען קלימאַנטערדום, ער איז אַרום געפלויגען מיט זיינע בליקען צו יעדען טישעל ווי נור אַ פרויען פערזאָן איז געווען — און האָט אַריין

געדרונגען מיט זיין זעה קראַפט אַזוי געשטרענגט — אַז מאַנכע פון די וועלטליכע דאַמען און יונג פרויען האָבען זיך געפיהלט אין אַ באַזונדערער פאַרלעגענהייט, עס האָט אויסגעזעהען ווי ער זאָל זיין אַ קונסט מאָלער און זאָל יעצט צייכענען און אויפכאַפּען זייערע גע־זיכטס־צוגען, סקיצירען בילדער פון דעם קאַבאַרעט.

אָבער פאַקטיש איז עס גאָר נישט געווען דאָס — נור ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע שטאַרקייט צו דער פעמינינער מענשליכקייט, ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער ווייסער צאַרקייט — צו אין דער שעהנער ברונעט — ווי אין אַן אייגענעם שפיגעל פון זיך זעלבסט צו דערזעהען, ער האָט זיך אַזוי פאַרטיפט אין דער פרויען געזיכ־טער ווי דער אַסטראָנאָם איז פאַרטיפט צו די שטערען אין הימעל. די מוזיק האָט זיך שוין געלאָזט הערען און געשפּיעלט די פיינע ליידענ־שאַפטליכע טאַנגאָס און אַנדערע טענץ, און די געסט האָבען זיך צו טאַנצט, די שטימונג איז געוואָרען מונטערדיגער, דאָ און דאָרטען האָט זיך שוין געהערט אַן אונפאַרשטענדליכע פראַזע פון אַ האַלב באַטרונקענעם וואויל־לוסט לעב־מענש, עס האָבען אָנגעהויבען צו דער־שיינען די אַמוזיר און אונטערהאַלטונגס קרעפטען מיט פאַרשיעדענע טרעפליכע טענץ און אַקראָבאַטישע ספּעציאַליטעטען, ליעדער זינגער, רעציטאַציעס, שטימונגס ספּעציאַליסטען צום געלעכטער און צום גרינגען געמיט, און קלימאַנטערום האָט זיך געפיהלט און געזעהען אין אַ גאָר נייער וועלט און זיך צוגערוקט צו איינער פון דער שעהנע דאַמען און זי איינגעלאַדען צו אַ טאַנץ — צו אַ ליידענשאַפטליכען טאַנגאָ. ער קען עטוואָס פראַנצויזיש דורך זיין באַקאַנטשאַפט מיט פראַנצויזישע מאַטראָזען, די דאַמע האָט איהם אָבער העפליך אָפּגעזאָגט און קלימאַנטערום האָט זיך פאַרשעמט און צוריק געזעצט ביי זיין טישעל, ווי עס וואָלט מכלומרשט גאָר נישט פּאַסירט — אָנגעגאָסען אַ גלאָז ווייַן און מיט איין מאָל אַ טרינק אויס געגעבען, און באַשטעלט נאָך אַ פלאַש און געוואָרפען זיינע בליקען אין אַלע ריכטונגען וואו נאָר אַ פרויען פערזאָן איז געווען.

היינט וואָלט ער געוואָלט האָבען אַן אָוואַנטויער מיט אַן אויסער־געוועהנליכער שעהנער יונג פרוי — אַזאַ פיזיאָגנאָמיע — וואָס ער האָט נאָך קיין מאָל נישט געזעהן, און אַריין בליקען טיעף אין איהרע אויגען, געפינען דאָרטען דעם אוצר פון זיין גליק, דורכשטודירען די וואונדערליכע שטריכען און ליניען פון איהר געזיכט — און פיזישער סטאַטוע, אויפנעמען אין זיך איהר דראַמאַטישער באַוועגליכקייט און

לעבענס קאָנטאַקט, און זאָל עס בלייבען אַן אייביגער זכרון אין זיין פערזענליכען געדענקס — און לעבענס אַלבום.

פון דער ווייטענס אין אַ ווינקעל באַווייזט זיך אַ שלאַנקע געשטאַלט וואָס שיינט צו זיין קוריאַז — און פון שעהנעם אויסזעהן, ער הויבט זיך פון זיין פלאַץ און מאַכט אַ זייטיגען שפּאַציר אַרום די טישלעך — אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט אַ באַקאַנטען — אַ פריינד, מיט וועמען ער האָט זיך באַשטימט דאָ צו טרעפען, און וואַרפט דערווייל אַ מכלומר'שטען בליק אויף איהר פון דער בעסערער פּערספּעקטיוו, ער האָט זיך עטוואָס געגאַרט — זי איז ווירקליך עטוואָס שעהן — אָבער נישט אַזוי ווי עס האָט זיך איהם פון ווייטענס אויסגעדוכט. ער בליקט זיך שוין אין איינוועגס אַרום און אַרום און נעמט צוריק זיין פּלאַץ אין האַלב פאַרצווייפלונג און אין האַלב גלויבען פאַר אַ באַשטימטער דערגרייכונג — פון זיינע באַגערען.

נאַטירליך — ער דאַרף עטוואָס טאַנצען און האַרמאָנירען די רעאַליטעט פון דער געזעלשאַפט, ווערען דאַדורך עטוואָס באַוועגליכער און פון פרייער דרייסטער שטימונג — וואָס דאָס איז געוויס נויטיג צו אַ גינסטיגער טרעפליכער באַקאַנטשאַפט, אָבער די שאַנד פון ווערען אָפּגעזאָגט איז גאַר נישט אַזוי פויגעלדיג און נאָך ערגער פון אַ שלעכטע מעדיצין איינגעמעניש, — אָבער דער וויין פון טעמפּעראַמענט ווירקט אויף איהם, און ער גייט צו אין אַ זייטיגען אַרט וואו עס געפינען זיך דריי דאַמען — און ער פאַרבייגט זיך פאַר איינע, וואָס נעמט גלייך אַן די איינלאַדונג, און גייט מיט איהם צום טאַנץ, דער אַרקעסטער מוזיצירט מיט ליידענשאַפטליכען פּאַטהאָס דעם טאַנגאָ — און קלימאַנטערום פיהלט זיך כמעט ווי אין אַ גן עדן, האַלט זי צערטליך אימאַרמט, און בליקט פון צייט צו צייט אין איהרע אויגען, באַטראַכט איהר געזיכט, צי ער האָט געפונען דעם ריכטיגען אוצר — פילייכט? — דעם ריכטיגען פּערעל פון זיין זוכערישער נאַטור און נשמה — אָבער עס איז נאָך נישט דאָס — דאָך אַ צופרידענהייט איז שוין דאָ, ער האָט דאָס ערשטע עלעמענטאַרע פון אַן אינטימיטעט אין דעם היינטיגען אָוונט שוין דערגרייכט, אַ קליינינקייט טאַנצען אימאַרמט מיט אַן אונבאַקאַנטער שעהנער פרויען פּערזאָן צו דעם דראַמאַטישען אויסדרוק פון אַ ליידענשאַפטליכען טאַנגאָ, וויברירען דורך וואונדערבאַרע טענער און מעלאָדיען די בענקשאַפט און לעבענס לוסט — דאָס איז גרויס, דאָס איז מעכטיג.

ער האָט דעם פלאַש ווײַן געגומען טרינקען פון גלאָז צו גלאָז — און קײן עקאָנאָמישע קאַרגשאַפט איז שוין נישט געווען אין געדאַנק, און טראַכטן דעם וואָס ער איז נאָך אימער געווען אַלײן בײַם טישעל האָט ער זיך שוין נישט אַזוי אײנזאַם געפיהלט.

עס איז געוואָרען שפּעט אין דער נאַכט — צווײ אַ זײגער, דער גערויש און געטומעל איז שטילער געוואָרען, די געסט האָבען זיך אָנגעהויבען אַרויס צו באַוועגען — ווער מיט אַ באַקאַנטשאַפט — ווער אַלײן, קלימאַנטערום איז געבליבען פאַרצווײפעלט, אָן אַ רעזול־טאַט, — אָבער פלוצלונג ער באַמערקט און דערזעהט אַרויס גײן צווײ דאַמען — אײנע זעהר אַ שעהנע, די אַנדערע אַן עלטערע, ער כאַפּט זײן הוט און עלעגאַנטען שטאָק און גײט זײ נאָך, אָבער עס דוכט זיך איהם אַז די עלטערע דאַמע מוז זײן איהר מוטער, און עס איז איבערהויפּט גאָר נישט טאַקטיש צו גײן שליסען אַ באַקאַנטשאַפט דרײ אַ זײגער בײנאַכט אויף דער גאַס אין דער געגענוואַרט פון דער מוטער, ער גיבט אויף זײן יוגענדליכען אַוואַנטוריער און ציהט זיך צוריק פון אַ שטיקעל מהלך וואָס ער איז זײ נאָך געגאַנגען, און אַ ביסעל פאַרשטײט ער שוין אויך אַז ער גײט שוין נישט אַזוי פעסט און גלײך, ער וויל זיך דערמאָנען זײן האָטעל. עס גײט נישט, עס געדענקט זיך גאָר נישט אַזוי לײכט, ווי — אין וועלכער גאַס? האָט ער דאָס גענומען זײן האָטעל? עס הויבט זיך איהם אָן וואַרפען אין געדאַנק פאַרשיעדענע טיטלען פון האָטעלען — עקסעלסואַר, גראַנד האָטעל, האָטעל ד'אָריענט, מעטראָפּאָל, און אַזוי ווײטער — אָבער ער קען זיך גאָר נישט דערמאָנען — וואו — אין וועלכען פּלאַץ ער האָט באַשטעלט זײן וואוין אָרט?

די גאַסען זײנען שוין לײדיגליך, אין מאַנכע ווינקלען שטײט אַ פּאָליצײ מאַן און באַטראַכט איהם ווי ער גײט אין אַזאַ וואַקלענדיגען באַטרונקענעם גאַנג — דאָך זײן עלעגאַנטער טראַכט מאַכט דעם פּאָליצײ מאַן אַוועק בליקען אין אַ זײט.

ער גײט פאַרבײ אַ גרויסען מאַגאַזין און דערזעהט אין דעם פענס־טער אַן עלעגאַנט געקלײדעטע יונגע דאַמע וואָס בליקט אַרויס מיט אַ ליעבליכען שמײכעל, אַ גוטער מאָדעל פון מאָדערנער רעקלאַמע, עס דוכט זיך איהם אַז זי איז אַ לעבעדיגע און בליקט כסדר אַרויס צו איהם, ער שטעלט זיך אַוועק בײם פענסטער — וואָס פאַר אַ שעהנע אויגען... די ווײס רויטליכע צאַרטקײט... עס דוכט זיך איהם אויס אַז זי האָט עפּעס אַ זאָג געגעבען און אַ פינטעל מיט איהרע בליקען...

אַ טייערע עלפּאַנטינאַ פּערעל־קוואַל! ווי וואָלט איך דיך גערען געקושט און אומאַרמט מיט מיינע אַלע קרעפטען...

ער גיבט זיך אַ שטאַרקען וואַקעל און ווערט צושטערט אין געדאַנק — בליקט אין פענסטער, עס דוכט זיך איהם אַז ער איז אין ים — און זעהט איניגע מושעלען, ער קען דאָ איניגע פּערעל דערגרייכען. ער גיבט מיט אַ שטאַרקע קראַפט אַ שפּרונג אין פענסטער אַריין און צוברעכט דאָס ריזיגע גלאָז פענסטער פון אויבען ביז אַראָפּ מיט אַ געוואַלטיגען קנאַל, עס האָבען זיך אַנגעהויבען צונויף לויפען מענשען, אַ געפייפערייַ און סיגנאַלען פון פּאָליציי פון אַלע זייטען, ער איז געלעגען אַ באַוואוסטלאָזער און אַ פאַרוואונדעטער אַרום גלאָז און אַנגעוואָרפענע מאַדעלען און אַנדערע אַרטיקלען, ער איז אַרעסטירט געוואָרען. און צוגעפירט געוואָרען אין האָספּיטאַל אונטער אַרעסט, וואו ער האָט זיך אין צוויי וואָכען אַרום אויס קורירט פון זיינע וואונדען, און האָט זיך דורך אַ געלד שטראָף באַפרייט פון געפענגעניש, און האָט שוין באַלד פאַרלוירען זיין חשק פאַר די טוריסטישע אַווענטויערען, און פיליכט איז גאָר אַ פּלאַן צוריק אַהיים צו פאָהרען און נעמען זיך צו דער פּראָפעסיע פון פּערעל זוכעריי? אָבער — ניין — ער מוז נאָך פאַרבלייבען עטוואָס אין מאַרסעל, און אויך צו פאָהרען נאָך די ריוויערא, און אויך קיין פאַריז.

קלימאַנטערום האָט זיך נאָך דעם אינצידענט עטוואָס רוהיגער געהאַלטען. און ווייניגער געטרונקען, און שפּאַצירט איבער די גאַסען און בולוואַרען פון מאַרסעל און געזוכט מיט זיינע פינקלענדיגע אויגען די פּערלען פון מענשליכען פּרויען געשטאַלט. דאָ און דאָרטען האָט געגעבען אַ בליץ אַ שלאַנקע פיגור, אַ שעהן געזיכט, אַ פּראַכטפולער קאָפּף, אַ וואונדערליכע פיזיאָנאָמיע, און ער פלעגט זיך אַריין דרייען אין גאַסען, אין געסלעך, און זיי נאָך גיין ביז זיי זיינען פאַרשוואונדען אָן אַ רעזולטאַט.

— אַך ווען ער קען אָן אויסערגעוועגליכע שעהנע יונגפרוי דערגרייכען אַזוי מייסטערהאַפט ווי ער דערגרייכט די פּערלען אין טיעפען ים... אָבער — עס פעהלט איהם — דער טאַלאַנט דערצו... אַ פריהלינגס יוגענט פון יונג פרויענטהום — ווי וואונדערליך איז דיין ליעבליכע קראַפט.

ער איז אַריין אין אַ פיינעם רעסטאָראַן און אָפּגעגעסען אַ פיינעם מאָל־צייט מיט אַ פלאַש גוטען וויין, און זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר אין זייטיגע גאַסען און געסלעך, ער באַמערקט פּלוצלונג ווי

עס עפענט זיך עטוואָס אַ פענסטער און אַ מיידעל פון אַ יאָהר פינף און צוואַנציג רופט איהם אַריין מיט אַ העפליכע איינלאַדונג. עס האָט איהם זעהר באַרוישט, אָבער ער וואָלט וועלען אויפנעמען איהרע גע־זיכטס צוגען, איהר פיזיאָנאָמיע, איהר געשטאַלט. ער שפּאַצירט אַ דורך אייניגע מאָל און בליקט זיך טיעף איין אין איהר געזיכט, און כאַפּט זיך מיט ענטשלאָסענהייט אַריין אויף איהר איינלאַדונג.
פון דאַמאָלסט אָן פלעגט ער אָפּט אַ דורך שפּאַצירען די זייטיגע געס־לעך און זיך איינבליקען אין דער געזיכטער און פיזיאָנאָמיען פון דער פרויען און מיידעל געשטאַלטען וואָס האָבען אַרויס געבליקט פון די פאַרמאַכטע לאָדענס און האַלב אָפענע פענסטער, און פלעגט שטו־דירען זייער אויסערליכען אויסזעהן, און זייער רעאַגירען דורך זייער שפּראַך און מימיק. ער פלעגט טאַקע מאַנכעס מאָל ווערען באַווירקט און זיך אַריין כאַפּען אויף אַן איינלאַדונג ווי אַ דאָקטאָר צו אַ פּאַציענט, עס איז פיליכט אַ רוף פון אַ מענשליכען פערעל און זיין ענערגיע האָט זיך געגעבען אַ קאָנצענטריר — אַזוי ווי ער פלעגט אַריין שפּרינגען אין טיעפען ים אין דער אַרבייט פון זיין פּראָפּעסיע פון פּערעל זוכע־ריי. ער פלעגט מאַנכעס מאָל זעקס אָדער אַכט מאָל דורך גיין אַ געוויסע גאַס קאָרעקט צו דערזעהן אַ געוויס געזיכט וואָס האָט זיך נישט געקענט אַזוי געגוי דערזעהען באַלד. עס איז איהם אָפּטמאָל געקומען אין געדאַנק אַז עס קען איהם נאָך דאָ דערזעהען אַ לאַנדסמאַן וועלכער ווייסט זיין גלאָררייכען נאָמען און ער וועט זיך זיכער פאַר־שעמען און פאַרלירען דערביי.

מיט אַ וואָך שפּעטער איז קלימאַנטערום אָפּגעפאָהרען נאָך ניצאַ אין דער פריידיגער זינגענדע שטאָדט פון דער פראַנצויזישער ריוויעראַ און שפּאַצירט אויף דער „אַוועניו דעס אַנגלעיס״ ביים ברעג פון ים, און געזעהען מענשען, טוריסטען, פון אַלע טהיילען וועלט און פון אי־בעראַל, עס האָט אויסגעזעהען ווי אַ גאָרטען פון מענשליכע בלומען. דער קאַרניוואַל האָט געזונגען און מוזיצירט אין אַלע גאַסען און עווע־נוס, טויזענטער מענשען האָבען מאַרשירט און מאַניפעסטירט פריידיגע זאָרגלאָזיגקייט, פאַראַדירט אין פראַכטפולע קוריאָזע קאָסטיומען אין מאַסקען און אין גרים, אַרטיסטישע איינפאַלען און אויספירונגען פון פאַרשיעדענע בילדער, אַלעגאָריען און סימבאָלען, דער הימעל פון דער ריוויעראַ האָט אַלעמען באַשיינט מיט בלויער ליכטיגקייט און גאָל־דענער פּראַכט.

ביינאַכט באַזוכט דאָס קאַסינאָ מוניציפּאַל, זומער־קאַסינאָ, און דאָס פּאַלעי דע מעדיטראַנעע, מיט די פיינע קאָנצערטען און בעלער, אָפּערען, באַלעטען, רעדוטען, מאַסקאַראַדען, און אַזוי ווייטער.

אַ פרײדיגער יום טוב פון דעם מענשען און דאָס מייעסטעטישע מאָנטאָ קאַרלאָ טראַהנט אויך וואונדערשעהן ביי דעם ברעג פון ים אין קאָלאָסאַלער הערליכקייט, אין די בלומען אַרום — אַ סימפאָניע פון קאָליר — פאַרב און דופט, „מאָנטאָ קאַרלאָ קאַסינאָ״ מיט די אָפּע־ראַ פון דעם גרויסען אַרכיטעקט, דאָס אָקעאַנאָגראַפישע מוזעאום פון מאָנאַקאָ, און אַזוי ווייטער. אַך אַ גרויסע וועלט.

קלימאַנטערום איז פון דאַנען אָפּגעפאָהרען נאָך פּאַריז אין דער שענסטער וועלט שטאָדט, און געזעהען און גע־יום טוב׳ט די פיעלע זעהענסווירדיגקייטען פון דעם קלאַסיש מאָדערנעם פּאַריז. און אויך מאַנכע מעגליכע אָווענטויערען דערגרייכט, און אויך געוועזען אַ פליי־סיגער „בולוואַרדיער שפּאַצירער״ זוכענדיג מיט זיינע פינקלענדיגע אויגען דעם בליץ פון אַ מענשליכען פּערעל — פון אַן אויסערגעווענ־ליכע מיידלישע פיזיאָנאָמיע, וועמען ער זאָל קענען רופען — עלפּאַנ־טינאָ פּערעל קוואַל.

מיט דריי חדשים שפּעטער האָט ער זיך אַהיים געלאָזט צוריק צום ים פון פּערעל געפינען און פּערעל זוכעריי.

דער סובמאַרין מענש

(דערצעהלונג)

ווען דער יונגער סטודענט גרעגאָרי האָט געהאַלטען ביי דעם אייַנטריט אין דער אוניווערזיטעט פון באַרמאַ־קאַנטשיאַ האָט געדויערט אַ האַלב יאָהר ביז ער איז געקומען צו אַ באַשלוס. ער האָט נעמליך גאָר נישט געוואוסט וואָס אויפצונעמען, וועלכען געביעט, צי מעדי־ציין, געזעץ, אַלגעמיינע וויסענשאַפט, געשיכטע, כעמיע־פיזיק־אַסט־ראָנאָמיע? ער האָט געטראַכט טאָג און נאַכט ביז אין אַ שעהנעם טאָג איז ער אַהיים געקומען מיט פרייד צו זיינע עלטערען און אויס גערופען אין גריכיש — עווריקאַ! פרעגען איהם די עלטערען: ווער רופט זיך דאָ עווריקאַ? דאָ איז היינט קיינער נישט געקומען מיט אַזאַ אויסטערלישען נאָמען. זאָגט גרעגאָרי מיט גרויס באַגייסטערונג: עווריקאַ — מיינט אין גריכיש — איך האָב אויסגעפונען.

וואָס האָסטו געפונען ליעבער זוהן?

איך האָב אויסגעפונען וואָס אויפצונעמען אין דער אוניווער־זיטעט.

מזל טוב! ענטפערען די עלטערען וואָס האָבען גראָד געמיינט אַז דער זוהן האָט געפונען וויניגסטענס אַ פינף און צוואַנציג טויזענט. נון זאָג שוין אונז ליעבער זוהן! וואָס דו האָסט אויסגעקליבען? ענטפערט גרעגאָרי ענערגיש — איך נעם אויף „סעקסאָגראַפיע”. וואָס איז דאָס פאַר אַ געביעט? קענסט דו דערביי האָבען פרנסה אויך?

דאָ איז גרעגאָרי אַרויס מיט אַלע כלים: — דאָס איז אַ זעלטענער געביעט, זעהר וויניג מענשען האָבען זיך צו דעם באַגעבען, און איך וועל האָבען פרנסה אויף אַ גרויסען שטייגער, כמעט אַלע אויפגנעם געביעטען אין דער אוניווערזיטעט זיינען איבערדערגרייכט, און עס הערשט אַ גרויסע קאָנקורענץ, אַזוי ווי אין דער געשעפטס וועלט, און

איך האָב פּיעל טעג און נעכט נישט געשלאָפען ביז איך האָב מיר דערגרייכט אָט אַ דעם געביעטס שטודיום.

אין זיין געדאַנק זעהט ער זיך שוין אין אַ פּראַכטפול גרויס הויז אין צענטער פון דער שטאָדט אויף דער שענסטער גאַס, אויף דעם איינגאַנג ביים טויער אָנגעקלאַפּט אַ מעשענער טאַבלעט: גרעגאָרי סובמאַרין־סעקסאָגראַף. דעם נאָמען „סובמאַרין" האָט ער אַדאַפּטירט און אָנגענומען ווען אַ גרופּע סטודענטען האָבען איהם אַמאָל ביי זיינעם אַ פאָרטראַג געקרוינט מיט אָט דעם נאָמען.

ער האָט אין זיין פּאָרטראַג נעמליך דערקלעהרט — אַז די אַט־מאָספערע איז אַ לופט ים, און די מענשען זיינען ציוויליזירטע סובמאַרינען וועלכע שיפען זיך דורך די באַגערען פון לעבען און נויט־ווענדיגקייטען. פון דאַמאָלסט אָן טראָגט ער דעם נאָמען, (און מיט שטאָלץ און ווערט אויך).

ווען זיין געליעבטע — אויך אַ סטודענטין, האָט זיך דערוואוסט וואָס איהר געליעבטער האָט אויפגענומען פאַר זיין שטודיום — איז זי נאַטירליך אויך געקומען צו אַ האַרמאָנישען באַשלוס און אויפגענומען דאָס געביעט „סעקסאָלאָגיע" (אין דערזעלבער אוניווערזיטעט פון באַרמאַ־קאַנטשיאַ).

איך וויל דאָ דערקלעהרען אַז עס איז נאָך נישט פעסט באַ־שטימט אויף וועלכען פּלאַנעט אָט אַ די שטאָדט געפינט זיך. דאָך וועט עס אונז זיכער נישט שטערען מיט עטוואָס זיך באַוואוסט צו מאַכען וועגען מאַנכע פּאַסירונגען — זאָגאַר ווען מיר האָבען מיט זיך פונקט נישט די געאָגראַפישע קאָרט.

ווען גרעגאָרי האָט פאַרענדיגט זיין שטודיום און באַקומען זיין טיטעל „סעקסאָגראַף" האָט זיין געליעבטע געהאָט נאָך איין יאָהר צו שטודירען ביז זי האָט דערגרייכט איהר טיטעל „סעקסאָלאָגין".

ער האָט נאַטירליך באַלד געוואָלט אָנפאַנגען גאָר גרויס און גרינדען אַ סעקסאָגראַפישען אינסטיטוט, און זיין געליעבטע אַ סעקס־אָלאָגישען אינסטיטוט, אָבער צו דעם האָבען געפעהלט די פינאַנציעלע מיטלען, האָבען זיי אָנגעפאַנגען דערווייל פּראַקטיצירען פּריוואָט.

זיין נאָמען האָט אָנגעהויבען קלינגען ביז ווייטע מקומות און גע־וואָרען זעהר פּאָפּולער און באַליעבט.

מענשען וואָס זיינען אַראָפּ פון דרך הישר זיינען צוריק געבראַכט געוואָרען אויפ'ן גלייכען וועג, פּעסימיסטען זיינען אָפּטימיסטען גע־וואָרען.

האָט זיך דער שטאָאַט דערוואוסט וועגען אַ פּערזאָן וואָס גרייט זיך אַראָפּ צו שפּרינגען פון אַ בריק אָדער פון אַ הויכער געביידע — אָדער פון אַן אַנדערען געפעהרליכען פונקט — איז אָט אַ דער דאָזיגער מענש געבראַכט געוואָרען צו גרעגאָרי סובמאַרין — און פון דאָרטען איז ער אַרויס אַ לעבענס געניאָסע פאַר אַלע זיינע יאָהרען.

קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען די געהיימניס פון זיין קראַפט, דעם סוד פון זיין דערפאָלג.

אַזוי איז געווען יאָהר איין — יאָהר אויס, די גאַנצע שטאָדט באַרמאַ־קאַנטשיאַ איז געוואָרען אַ לעבענס לוסטיגע וועלט שטאָדט — וואו פּראָווינצלער און שטאָדט פּאַציענטען פלעגען זיך קומען אויסקורירען פון גלייכגילטיגקייט און לוסט שווינדזוכט.

עס איז געוואָרען באַקאַנט איבעראַל אַז אָט אין דער דאָזיגער שטאָדט געפינען זיך די גרעסטע עקספּערטען אויף דעם געביעט, נאַטירליך — האָט שוין דאָ עקזיסטירט אַ סעקסאָגראַפישער אינסטיטוט אָנגעפירט פון גרעגאָרי סובמאַרין און אַ סעקסאָלאָגישער אינסטיטוט אָנגעפירט פון מאַדאַם סובמאַרין.

מיט אַמאָל זיינען אָנגעקומען צוויי פּאַציענטען פון דעם פּלאַנעט סאַטורן וועלכע האָבען אין זיך געהאַט אַ געשטייגערטע איבערמענשליכע לוסט וואָס האָט דערגרייכט איבער דער גרענעצען פון נאַטירליכקייט און מענשליכען ווילען.

פאַרשטייט זיך אַז זיי זיינען פאַרהאַלטען געוואָרען פאַר אָבסערוואַציע אויף אַ באַשטימטער צייט.

עס איז געווען אַ מענליכער און ווייבליכער פערזאָן, יונגע סאַטורנער געשטאַלטען פון גאַר אַ וויטער ספערע — און זיינען געהאַלטען געוואָרען אין באַזונדערע צימערען פון ריין קריסטאַלענעם גלאָז, אַזוי אַז יעדע באַוועגונג איז געווען צו באַמערקען, אין די ווינקלען זיינען געווען פאַרשטאַרקונגס אַפּאַראַטען פון דער שטימע און שפּראַך אַזוי אַז עס זאָלען קענען געהערט ווערען פיליכט מאַנכע נויטווענדיגקייטען פאַר דעם וויסענשאַפטליכען דיאַגנאָז און אויספאַרשונג.

אין דער צייט ווען זיי זיינען געשלאָפען האָבען זיך בלאַסע שטראַהלען פון אַן אַרטיפיציעלע לבנה געשפּיגעלט אויף זייערע געזיכטער אַרויס צו רופען טרוימען וואָס קענען פיליכט זיין אַן אורזאַך צו אַ פאַרשטענדעניש. — און מערקווירדיג: ביי דעם מענליכען פּערזאָן האָט זיך די רעכטע האַנד געגעבען אַזאַ באַוועג וואָס

האָט געקענט אַרום רינגלען — אימאַרמען אַ פּרוי אין אַ קרייז פון דריי רינגען, און ביי דער ווייבליכער פּערזאָן האָט זיך ווידער די לינקע האַנד געגעבען אַזאַ הויב — וואָס האָט אויך געגענזייטיג געקענט אימאַרמען אין דערזעלבער מדרגה.

קענט איהר דאָך זיכער דענקען ליעבער לעזער! אַז זיי וואָלטען געקענט זיין אַ גוטע פּאָר אַלס מאַן און ווייב? האָט איהר אַ גרויסען אירטהום.

פּראָפעסאָר גרעגאָרי סובמאַרין האָט פעסט געשטעלט דעם דיאַג־נאָז, — און זיי דערקלעהרט פּאָר איבער געזונד, אָבער זיי מוזען נור חתונה האָבען מיט באַשערטע פון דעם פּלאַנעט ווענוס, ווייל דער פּלאַנעט ווענוס באַוועגט זיך אין אַזאַ אונזיכערע באַוועגליכקייט — אַז די דאָרטיגע מענשען באַגערען צו זיין אימאַרמט אַזוי קרעפטיג אין אַ באַשטימטען קרייז פון דריי רינגען — כדי די אונזיכערקייט עטוואָס צו פאַרגעסען.

עס פאַרשטייט זיך — אַז עס איז אַרויס געשיקט געוואָרען אַ טעלעגראַם צו דעם פּלאַנעט „ווענוס" נאָך אַ יונג מענליכען און אַ יונג ווייבליכער פּערזאָן — פון דעם און דעם געוויסען באַשטימטען געשטאַלט און קאָליר, מיט אַזאַ קאָמפּליצירטען און פיעל זייטיגען כאַראַקטער פון איבערמענשליכער געשטייגערטער לוסט און באַגער, מיט אַזאַ און אַזאַ ראַפינירטען טעמפּעראַמענט, אויגען — שעהנע, פּראַכטפולע וויט־זיכטיג און טיעף ווי דער ים — און אַזוי ווייטער...

מיט אַ חודש שפּעטער איז אָנגעקומען אַ „לופט טעכניקאַן" און געבראַכט אָט אַזעלכע צווי פּאַרשוינען.

עס איז געוואָרען ששון ושמחה" אין דער שטאָדט ל'באַרמאַ־קאַנטשיאַ, יום טוב איבעראַל, עס איז אַראַנזשירט געוואָרען איין גרויסע חתונה פאַר ביידע פּאַרלעך צוזאַמען, און עס זיינען געווען איינגעלאַדען די פּני פון דער געזעלשאַפט — ראַביי זלמן געאָמעטריוס, דער קונסט מאַלער אַגוטיענקאַ, דער ליטעראַט מאַדראַנסקי, דער פּאָעט אַמוראַליס־דעוורענאַם, די שוישפּילערין עלענאָראַ אַספּיראַל, דער גייסטליכער אַמביציאַ טעקסורא — וואָס איז צוואַנציג יאָהר געווען פאַרנומען אין אַן אַקציע געגען אַנטיסעמיטיזם, אייניגע גערמאַנישע אַריער וואָס האָבען נאָך נישט געוואוסט קאָנקרעט וועגען זייער אור־שטאַם, אייניגע עדעלע לייט פון דער אַלטער רוימישער געזעצליכ־קייט, און נאָך אַ גאַר גרויסער צאָל מענשען פון פאַרשיעדענע קרייזען און ריכטונגען.

די פריידיגע חתונה האָט זיך געצויגען ביז אין ווייסען טאָג אַריין, געטאַנצט אויף טיש און אויף בענק, שאַמפּאַניער — ווייַן — און ליקער איז געטרונקען געוואָרען ווי פון קוואַל, דער אָרקעסטער האָט געשפּיעלט די בעסטע זאַכען צום כאַראַקטער — און אַזוי נאָך האָט זיך גאָר אַ קאָמפּליצירטע סיטואַציע אויסגעגליכען אויף אַ גאָר פּשוט׳ען פאָלקסטהימליכען וועג און שטייגער.

ווענולאַראַ

(פאַנטאַסטישע דיכטונג אין צוויי אַקטען)

אַנטייל:

ווענולאַראַ (יונגפרוי פון וואונדערליכער שעהנהייט)
די סטאַטוע
מאַנאָווען
דער ספינקס
דאָס עכאָ
דער גערטנער
ווענולאַראַס פאָטער
דער ערד גייסט
פרויען כאָר
כאָר פון אַלע

אומגעבונג: אַ ריזיג גרויסער גאָרטען פון פרימיטיווע נאַטור, די בוימער זיינען טיטאַניש נעבען צוזאַמען געוואַקסען. אין די דורכגאַנגען זיינען די קעפּף פון די בוימער צוזאַמען געהעפּט אין אַ פאַרבאָרגענער האַלב פינסטערניש געהילט, לינקס פאַרלירט זיך דער גאָרטען אין אַ 'טענען וואַלד, און רעכטס דערוויטערט באַ־

מערקען מיר אַ פּאַלאַסט אין מייעסטעטישער פּראַכט פון דונקלעם גרויען שטיין, אַ פענסטער וואָס איז נור צו באַמערקען איז אָפען דערנעבען איז אַ פּראַכטפולער באַלקאָן פון מאַרמאָר און פאַרשיע־דענע קאָלירען. מיר זעהען פון וויטענס אַ סטאַטוע פון ווייסען מאַרמור, און אויף אַ פיעל וויטערער שטרעקע שטייט אַ ריזיגער ספינקס אויף גרינעם באָדען וואַרפענדיג אַ שטאַרקען שאָטען אַרום זיך.

דער הימעל איז לויטער — עטוואָס געהילט מיט ווייסע צאַרטע וואָלקענס. עס איז פאַר אָווענט — די זון זעהט זיך אין גאַנצען אַ רויט פייערדיגע מיט פורפור שטרייפען אַרום זיך.

וועַנולאַרא:

(פאַר די סטאַטוע)

פאַרהיל שוין דיין טרויער געזיכט
מיט די פורפור האָר פון מיין קאָפּף
און רינג דיין קאָפּף אַרום מיין האַלז
דו גייסט — פון „וואַנדער טרוים״ געריכט.

דו ביסט מיר פריינד פון יוגענד צייט
אַ ברודער אין מיין איינזאַם זיין,
און ווייסט שוין לאַנג מיין שמערץ און לייד
גאָר נעבען מיר — און דאָך צו וויט...

פון טיעפען טרויער זאָגט דיין בילד
מיט גליק שיינט מיר דיין אויג נישט פיעל,
און וואָלסט דו וועָן מיט שפּראַך און וואָרט
מיך אינטימט — אַזוי צערטליך מילד...

דו האָסט אַ מדבר וועג געשפּרייזט,
און שטאַרק געדרוקט פון פיין און לייד
און אונבאַוועגליך שטום און שטאַר
— דורך דעם לעבען — צו זעלבסט פאַרגרייזט?...

און האָב איך יעצט אַזוי פּיעל מאַכט
קום דו אַ וועלט רוים מיט דיין האַנד,
אַל צו גרויס זאָגסט דו מיר צו זיין
וועלכע געהיימניס טראָגט דיין קראַפט ?...

עס איז דיין בילד פון לויטער שטיין
ווי לאַנג איז שוין אַזוי דיין זיין ?
דונקעל איז מיר דיין שטומע שפּראַך
גיב מיר דאָס וואָרט פון דיר אַליין...

(די סטאַטוע גיבט זיך אַ ריהר און בלייבט צוריק אין זעלבען שטאַנד).

וועניולאַראַ :

(באַרוישט)

עס איז דיין בילד פון מאַרמור שטיין
העל ווייס ווי פּערעל איז זיין שיין,
לעב אויף — לעב אויף — מיט לעבענס רוף
און ס'איז מיין איך נישט מעהר אַליין...

איז ווירקליך — דו האָסט זיך געריהרט ?
איך שווידער פון מיין צווייפעל זין,
זיינען מיינע אויגען מיר טריי —
און מיין גייסטיגקייט נישט פאַראירט ?

(די סטאַטוע גיבט צוויי טריט לאַנגזאַם און עפענט די אויגען אין ערוואַכונג).

וועניולאַראַ :

אַ שטערן און זון פון אַלע הימלען
איך רוף אין דיינע ספערען — ליכטיגע שטראַלען,
צו דער גרויסער קראַפט — באַלעבונגס שעפּפונג —
אַ געזונד באַשווערונג פון אייביגע קוואַלען.

אַלע וועגען קרייזענדע פּלאַנעטען
יופּיטער, נעפּטון, ווענוס, סאַטורן און מערקור,
עס געשטאַלטען זיך אייביג די פאָרמען —
ס'איז רייך אין געוועלטיגקייט דיין מאַכט און נאַטור.

און דו — שטורמיש הערץ פון אַלע ים'ען
דיין אייביגע אונרוהיגקייט נישט צו שטעלען,
צי זיינען ווירקליך דיינע באַגערען
הימלען באַריהרען מיט געהויבענע וועלען?

דו ווילסט דיין שפּיגעל פון דיר פּאַרטרייבען
צוריק אין די אייגענע הימלען באַוועגען,
ביסט צו קליין פאַר דער גרויסקייט פון הימעל?
— נישט דאָ אַזוי פיעל קראַפט צו שטעלען אַ קעגען...

באָרג מיר דיין קראַפט פאַר אַ גרויסען מאָמענט
איך גיב מיך צו וועלטליכער ווירקונג אַ קעגען,
צו דעם באַרוף פון אייביגען לעבען
פאַר דעם „גוטען און וואויל זיין" אויף אַלע וועגען.

די סטאַטוע:

גאָלדענע פייער שטרייפען
פורפורען דעם ברעג האָריזאָנט
אויפ'ן גרוי זילבער הימעל...

ווענזולאַראַ:

ס'וואַרפט דער גרויסער וועלט גיגאַנט
זיינע זעגנונגס בליקען,
דער גיגאַנט אַלס „זון" באַקאַנט.

די סטאַטוע:

אין דעמער ליכט געהילט
איז אויך דער דונקלער וואַלד־רייך
מיט לויטערע קרוינען...

ווענולאַראַ:

עס רוישט אין בלויען וואַסער טייך
ווייסע פּערעל שטרוימען
און לויפען שנעל צום וואַלד־רייך.
ס'שוועבט דורך די לופט געזאַנג
פון טויזענט נאַכטיגאַלען
ס'ווידערט אַן עכאָ קלאַנג
פון טויזענט וואַסער פאַלען.

די סטאַטוע:

כ'הער אַ קלאַנג — פון וועמען?
עס איז דער טאָן מיר לאַנג באַקאַנט —
ווי איך מיר אייגען בין...

ווענולאַראַ:

איך בין ווענולאַראַ!
ס'קען דיין שטים מיך לעהמען,
ס'הענגט מיין גליק מיט דיין גייסט ביינאַנד,
מיין אידעע דיין געווין
איך בין ווענולאַראַ!
און דו — די שעפּפונג פון מיין זין

די סטאַטוע:

בין עס איך — דיין שעפּפונג?
דיין אידעע מיין געווין —
ס'שיינט מיר גליק אונענדליך
געשאַפען פון דיין זין...

ווענולאַראַ:

נאָך פאַר פריהלינגס יוגענד —
שוין צוואַנציג יאָהר גייסט פאַראיינט,
אין מיין הימעלס טוגענד

פריי אונענדליך — דאָך באַשיינט
מיט זון פון רעליגיאָן
פון ריינעם אמת און פאַרשטאַנד —
און ס'איז מיר פרעמד נאַציאָן
ווי אויך מיין אייגענס לאַנד,
און ביי דעם האָריזאָנט —
פון לויטער גרין — פעלז באַגריסט,
האָט אַ שפּראַך מאָרגען רויט
מיר מיין בענקשאַפט טיעף באַוואוסט,
און דער ים — אונרוהיג
האָט פאַרוואַנדעלט זיך אין רוה
ס'קומט ווער צו געזעגעלט
און פאַרשווינדט אין וויטען הו...
ס'איז געוועזן פרי מאָרגען
כ'האָב מיין אויג אַ לאַנגע צייט
פאַר דעם ים געווידמעט
און נישט געזעהן — ס'איז צו וויט...
פאַרנאַכט — אין זון פאַרגיין —
כ'שריט אין גאָרטען הין און הער,
און דיין בילד טיעף באַמערקט
רוף איך בלינד — דו ביסט דאָס דער.
מיין פאָטער און מוטער
האָבען געשפּיגעלט ס'אויג מיר,
פילייכט פאַרשטאַנען? —
און געזאָגט — מיר גלויבען דיר...

די כטאָטוע:

מאַכסט מיך בליקען אין דיין פרי יוגענדס טאָג —
ס'שיינט ווי ס'אייביגע אידעאַל,
און זעה איך דיין געגענוואַרט און צוקונפט...

וועגנולאַראַ:

פלוסטערען ווי זילבערנער קוואַל?

די סטאַטוע:

גלייך באַוועגט מיך אַן אורגעדאַנק אין אַל —

ווענולאַראַ:

ווי קומט דיר אורגעדאַנק אין זין ?

די סטאַטוע:

איך ווייס נישט גענוי, דאָך ווייזט זיך מיר אויס —

ווענולאַראַ:

ס'איז געוועב פון אַ גאָלדענע שפין.

די סטאַטוע:

טיעף געוואָרצעלט אין פאַרבאָרגענעם שויס.

ווענולאַראַ:

און די נאַכטיגאַל זינגט דאָס ליעד
אויס טיעפען גרונד, און די מיסטישע רויז
ס'העכסטע ליעד אין געהיימען שויס...

די סטאַטוע:

אין דעם יום טוב צייט ביי פריהלינגס הימנע
דערקלעהרט זיך בעסער איינס און אַל,
און אַלע שטימען, און יעדער שטימע,
פליסטערט — ווי דער זילבערנער קוואַל.

ווענולאַראַ:

און האָט נישט דער טרויער הערבסט זיין מאָטיוו ?
פילהאַרמאָניש דאָס גלייכע וואָרט,
אין אַלע פריהלינגען זיך צו ווירבלען
דורך יעדען לעבען זיין וואוין אָרט ?...

— קומט נישט אין גרעסטער פרייד עטוואָס טרויער ?
ווען דאָס גליק קומט אויף דעם געוויכט —
די ליבע, דאָס שטרעבען, און די בענקשאַפט,
ווי וואָלט דאָס זיין — דאָס וועלט געריכט ?

די סטאַטוע :

גליק און ליבע, שטרעבען, פריידען, בענקשאַפט,
ס'איז דאָ דער טרויער קלאָר געפיהלט,
צי קען ווער גליקליך ליבען און שטרעבען
ווען טרויער איז בלינד פאַרהילט ?
ווען ס'טראָגט אַ מענש אין זיך די אייביגקייט
אייביג לעבען, געטליך אַלמאַכט,
און וואָלט ער נישט קיין טרויער באַגריפען —
אין העלסטען טאָג דערבליקט די נאַכט ?

וועגולאַראַ :

וואוינט אויך אין די העכסטע גאָטהייט דער טרויער ?
אין יעדען שיין אַ געגען זיין,
און אונפאַרמיידליך מוז אַלעס בלייבען
און אַלעס מוז צוזאַמען גיין ?...

די סטאַטוע :

אָבער גאָר פיעל איז דאָך אונבאַגרייפליך
ס'פענסטער פאַרמאַכט זיך שליסליך צוריק,
און געגוי די טיעפע שפראַך צו הערען
גרייכט נישט דאָס אויג פון וויטסטען בליק,
גלייך ווי דאָס וויטעסטע צו העל — זעהען —
געניגט נאָך נישט ס'שטאַרקע געהער.

וועגולאַראַ :

און ווי קענען מיר נור זיין באַפרידיגט —
מיט דעם אונדערגרייכטען באַגער ?

די סטאַטוע:

ס'איז דאָך באַהאַלטען און שטרענג פאַרהילט
די נשמה און ס'טיעפסטע גליק,
געהיים ווי ס'מיסטישע וואַלד אינערין
דאָס געווימעל און די מוזיק...

ווענולאַרא:

יאָ באַהאַלטען — איז דאָך צום באַגרייפען
דאָס פאַרבאָרגענע געוויסען־גראַד?

די סטאַטוע:

גלייך ווי די „לבנה" אין דעם טאָג ליכט
דער ווייסער שיין גאָר בלאַס און צאַרט,
און דער אייגען שטראַל נישט מער ווי אַ היל
וואָס האַלט געשלאָסען אונענטפלעקט
דאָס קיין מאָל נישט געזעהענע געזיכט —
— עס איז אויך פאַר מיר אונענטדעקט.

ווענולאַרא:

עס וועגט דאָך איבער דאָס גרעסטע געוויכט...

די סטאַטוע:

די וואָגשאָל קען עס נישט געווי.

ווענולאַרא:

דאָס קיין מאָל נישט געזעהענע געזיכט?

די סטאַטוע:

און עס איז דאָך נישט קיין געבוי,
דאָך ס'טויר פאַרשליסט זיך ביי יעדען געריכט.

וועגולאַראַ:

אַ פעלזען טויער פון שטיין גראַנאַט —
זיכערע פעסטונג איז דער שוץ,
ס'בלאַנקט דאָס טויער ווי בלויער שמאַראַגד
און פורכט זיך נישט פאַר דונער בליץ,
און אויך איך בין אין אַ פעסטונג
ס'פורעמט דאָס בילד די גלייכע געשטאַלט
ס'בלאַנקט צו גלייך ווי בלויער שמאַראַגד
פיהלסט זיך נישט אין זעלבען געהאַלט?

די סטאַטוע:

ס'איז גאָר פרעמד פאַר מיר דער געדאַנק
פון אַ פעסטונג אַרום מיין איך,
און נאָך נישט צו זיין באַגריפען
אין דער באַשטימונג האַלט איך מיך.

(פון לינקס קומט דער גערטנער מיט אַ בוקעט פון פאַרשיע־דענע בלומען דער גייסט פון דער סטאַטוע ווערט פאַרבאָרגען).

דער גערטנער:

איך באַגריס דיך וועגולאַראַ!
גיב נור אַ בליק אויף יענעם צוויג
דיין שעהנער וויאַלעטער פויגעל
איז נאָר וואָס אַנטלאָפען פון שטייג.

וועגולאַראַ:

(נעמענדיג ביי איהם די בלומען)

איז דאָס דער פויגעל,דער שטילער?
אויס די גרויס־שטייג פון עלפען ביין —
וועלכער האָט געשיינט פאַראיינזאַמט
זעלבסט פאַרשטאַנען זיין שפּראַך אַליין...
ווי האָט ער פרעמד רעגירט זיין בליק
צו וועלכער געגענד — און ווי וויט?

און זיין טיטעל, און זיין נאָמען,
וואו — ווען געבוירען — אין וועלכער צייט?

דער גערטנער:

ס'איז דער פויגעל האָסט עמפּפונדען
וועלכער פאַרבלייבט ביי מיר נאָך ניי;
איך דערלאַנג איהם אַ ווייסען אַפּפעל
און ער אַנטלויפט און מאַכט זיך פריי.

ווענולאַראַ:

זיין פעדער קלייד שעהן ווי פּורפּור
און זיינע אויגען וואָס ער האָט, —
ווי רעגירט יעצט זיינע בליקען
זיין געוויסען און זיין געבאָט?...

דער גערטנער:

נישט צו טרויער ווענולאַראַ!
פון דעם נייעס פיעל באַאיינפלוסט
ס'האָט דער פויגעל זיך זיין שטרעבען
הויך באַגערען און הויכער לוסט,
גלייך ווי דאָס פעלד בלומען פלאַנצען
איז זעלבסט זיך פרעמד אין דעם געבאָט...
ווי ס'וואונדערט די ערשטע טענער
אונפאַרשטענדליך דעם יונגען גאָט —
און זיין בליקען ווערט פאַרוואַנדערט
ס'איז דאָך „פּאַן" אין זיך זעלבסט געקלעמט
זוכט פאַרלוירען טויזענט יאָהרען
און קומט ענדליך צוריק טיעף באַפרעמדט,
יאָ געזוכט און נישט געפונען —
עס רופען האָריזאָנט און ים.
וואונשט די שיף צום ברעג צו קומען
אויף — צו זוכען דעם ערשטען גראַם!...
ס'גייט די שיף וויטעסטע וועגען

ענדליך. הערט זיך דאָס נימפּפען ליעד
דער יונגער „פּאַן" ווערט אין שטוינען
שפּרינגט אין ים אַנטקעגען דעם ליעד.

ווענולאַראַ:

מוטיג איז זיין גייסט — באַוועגליך,
געוויס אויף שעהנע בערג געבליהט,
באַגלויבט אין זיך, אין זיין בענקשאַפט
אין צווייפעלט נישט און ווערט נישט מיעד.

דער גערטנער:

צווייפלען שיסט ער מיט פייל־בויגען
שוואַכקייט פאַרטרייבט ער מיט זיין האַנד.

ווענולאַראַ:

באַגעגענט ער נישט קיין גרענעץ
אַ מאָל פאַר זיך אַ שטאַרקע וואַנד?

דער גערטנער:

זעלטען גייט ער צוריק פון ווילען
אונדערגרייכט דאָס באַגערטע לאַנד,
דאָס האָט מיר דערצעהלט אַן אַלטער
פון בוך — געהאַלטען אין זיין האַנד.

ווענולאַראַ:

כ'בין נישט זיכער, כ'וועל איהם לערנען,
און איז דאָס בוך שווער צו פאַרשטיין?

דער גערטנער:

ס'לעזט זיך שנעל און לייכט באַגרייפליך
און עס פאַרשטייט זיך נור אַליין.

דאָך איז מיינונג פיעל פאַרשיעדען
און קען נישט ווערען אַלגעמיין.

וועגוּלאַראַ:

און ס׳שיינט מיר אַז אויך באַגרענעצט
איז דאָס בוך אין דערזעלבער אָרט —
און דאָס זיכער וואָרט צו זאָגען
פאַרבלייבט נאָך שטים מיין געגענוואָרט.

דער גערטנער:

פילייכט אויך נישט וועגולאַראַ! —
דאָך — איך גיי שוין, כ׳גריס גליק דאָס אָרט
אויך געהערט האָב איך אין קומען
ביי די סטאַטוע — ווי פאָלגט דיין וואָרט? —
(ס׳איז גאָר פרעמד פאַר מיר דער געדאַנק
פון אַ פעסטונג אַרום מיין איך,
און נאָך נישט צו זיין באַגריפען
אין דער באַשטימונג האָלט איך מיך).
— עס בלייבט דאָך דיין פריינד — די סטאַטוע
פלעגסט נאָך אין קינדער יאָהרען זיין
האָב איך דיך אימער באַגעגענט
מיט שפּראַך און וואָרט פאַר סטאַטוע שטיין.

וועגולאַראַ:

האָסט דו געהערט — איז עס ווירקליך —
ס׳איז מיין שטים און אייגענער שפּראַך?

דער גערטנער:

ווען איך האָב קיין גרויסען אירטהום?
זאָג איך ריכטיג, און צו דער זאַך.

(דער גערטנער גריסט דריי מאָל מיט דער האַנד פון וויטענס
לאַנגזאַם אָפּ גייענדיג — וועגולאַראַ פאַרצוויפעלט).

ווענולאַראַ:

(צו דער סטאַטוע)

עס דערגרייכט צו מיר גאָר קיין צווייפעל
צו פאַרניכטען אין דיר מיין גלויבען,
כ׳הער דיך אייגען און זעה דיך לעבען
עס קען מיין זין נישט קיינער רויבען,
דאָך וואָס באַוועגט האָט ווער מיין דענקען
נור קיינער וועט מיין גייסט נישט שטערען,
אַ ערשטע אונרוה זאָלסט פאַרשוואונדען
און זיין מיר פרעמד אין מיין באַגערען.
זאָל דאָס גליק נור געשלאָסען בלייבען
אין שטאַרקער פעסטונג טיעף באַהאַלטען
אויך דאַמאָלסט קען ווער אויך צו שטערען
עס לויערען געהיים געשטאַלטען...
שניידט דאָס דער ווינד די יונגסטע צווייגען?
לעבענס בוימער אין בעסטער בליהונג
ווי צייט פאַרטרייב און טייפליש שפיעלען
צו דעם פאַרדאַרבען אַ באַמיהונג
שלעכטס נאָך שלעכטס — און עס פאָלגט די בייזהייט
די ווילדע קרעפטען רעאַגירען
און קלאָפען שרעק אין אַלע טירען
דאָס גוטע לעבען דעמאָנירען.
און ווער באַשאַפט דעם וועלטען כאָאָס?
און פאַרגיפטיגט דאָס העכסטע שטרעבען
פאַרדעמערט ווען דיין לעצטע שטונדע
דו האָסט דיך צו דעם בייז באַגעבן —
און ווילסט דיין ראָלע האַלטען אייביג
גלייך מיט אַלע קרעפטען פון נאַטור,
מוז אויך דער מענש גייסט זיך פאַרלירען?
דורך דיסהאַרמאָניען אין בלינדען שפור.
ווי זעה איך שוין אַ פאָהן דערהויבען
די גייסטער שטימע צו יובעלירען
אַ גרויסע אַלמאַכט — אין מעגליכקייט
פון אַלגעמיינעם דעמאָנסטרירען

אין דעם וועלטען רוים אונענדליכקייט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

(פאַלט צו דער סטאַטוע צו מיט איהר קאָפּ געבייגט און באַ־
גינט מיט אַן אַנדערער שטימע)

אַ מיין טויב! דו ביסט געפלויגען
אויס דיין ווייס שטייג פון עלפען ביין,
איך פאָלג דיר נאָך טיעפען טרויער
קומסט פיליכט נאָך צוריק צו גיין?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

צוויפלען שיסט ער מיט פייל־בויגען
שוואַכקייט פאַרטרייבט ער מיט זיין האַנד,
ס׳קען דער גערטנער „פאַן" באַגרייפען
שטעלט איהם ריכטיג אין פעסטען שטאַנד...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ קראַנץ פון שעהנסטע בלומען
געזאַמעלט, און פאַר מיר געוועהלט,
און דאָס גרויסע בוך צו לעזען
פאַרבלייבט נאָך אימער מיר פאַרפעהלט...

די סטאַטוע:

(פלוצלינג גייסטאַרטיג דערוואַכט)

ווען גאָלדיג — פאַלט שוין דאָס הערבסט בלאַט
אַראָפּ אויף ערד פון יעדען בוים
און הילפסלאָז רוישט די צווייג גאַר שטיל —
דערגרייכט דער רויש אין וועלטען רוים?
ס׳איז דער בוים רויט גאָלדיג אין הערבסט
און זיין פריהלינג זוכט נישט דעם שטאַם,
און אורגעבורט איז נישט זיין זין —
און דאָס פאַרגיין פאַרשלינגט דער ים,
טרויעריג דער סוף — אָדער נישט דאָ
קיין טרויער און פרייד אין דעם שויס —
פון דער נאַטור אין יעדען גראַד,
— דורך קראַפט באַהערשט, און דאָך גאַר גרויס,
און ענדליך טראָגסט אויך קעניגס שטאָב —

דו מעכטיגסט איבער לעבענס זין,
און פרעגסט דו ווען אַ מאָל אַ מאַכט,
צי ריכטיג אָדער פאַלש דיין דין?

ווענולאַראַ:

און דאָס געשעפף מיט לעבענס־זין
באַמעכטיגט מיט געדאַנק באַוואוסט,
בלייבט אונבאַהאָלפען אין זיין שטאַנד
טיעף באַגרענעצט זיין העכסטע לוסט...
איז דאָס גענידערט צו געשטייגט —
און ווען דערגרייכט די ריעזען האַנד?
דאָס ווייט פאַרבענקטע לעבענס אָרט
אין רעטזועלהאַפטען לעבענס בראַנד!...

(שטילער מאָמענט, די זון ווערט שוין נישט מעהר ווי עטוואָס געזעהן, דער האָריזאָנט איז פייערדיג רויט, דער ספינקס איז רויט באַשיינט פון זון אונטערגאַנג, די צווייגען פון די בוימער באַוועגען זיך לאַנגזאַם אין שטילען רויש באַוועגט פון צאַרטען ווינד. דער ספינקס רופט פלוצלינג אויס מיט אַ מעכטיגער שטימע — איבערנאַטירליך — לאַנגזאַם).

דער ספינקס: ווענולאַראַ!

געהיימער רוף: מאַנאָוועןְ!

(ווענולאַראַ און די סטאַטוע בלייבען דערשטוינט און טיעף גערירט).

ווענולאַראַ:

זעהסט דו ביים האָריזאָנט דעם ספינקס אין רויטען שיין?
עס רעטזועלט וואָס פאַרבאָרגען זיין מעכטיג בילד געשטעל,
אויך צום געהער און כ׳פיהל מיך נישט אין דעם פאַרשטיין
כ׳האָב פאַרהערט זיין רוף — די שטים האָט דאָך געקלונגען העל,
דעם אַנדערען רוף האָב איך גאָר גענוי געהערט —
ווי דונער מעכטיג — ווייל איך די פעלזען טענער קען,
איז מיר נישט קלאָר דער באַדייט — וואָס דער רוף באַגערט?
סימבאָלישער וואָרט — אָדער נאָמען גאָר — מאַנאָוועןְ!...

די סטאַטוע:

אַ וואונדערליך בילד, און האָב איך אַ שטים געהערט,
נור דאָס ערשטער גרויסער לאַנגער וואָרט און גאָר נישט מעהר.
— לויטערט פאַלגליך ארויסגעשפּראָכען — וועגולאַראַ!
און עס קלינגט נאָך קרעפטיג די שטימע אין מיין געהער...

וועגולאַראַ:

האָט זיין שטימע אויס גערופען — וועגולאַראַ?
וועגולאַראַ — איז מיין נאָמען — און דער צווייטער קלאַנג —
איז מיר גאָר זיכער — דיין נאָמען אויסגערופען —
און עס קלינגט נאָך טיעף אין מיין געהער — ווי אַ געזאַנג.
איך האָב קיין אירטהום, די שטימע געוועזן איז ריין —
פון די וויטע פעלזען בערג די טענער וואָס איך קען
איך בין גייסט דערקלעהרט, און כ'טיטעל דיר דעם נאָמען גלייך
די גלייכע זילבען ווי באַרופען — מאַנאָוועז!...

די סטאַטוע:

איך ליעב דיין וואונש — בין נישט דערגעגען דיין געדאַנק —
ווי דו ווייסט — בין איך נאָך אויף דעם שוועל פון „זעלבסט־ערקען"...
דאָך איך פאַראייניג מיך מיט דיר אין איינפאַרשטיין —
ווי דיין ווילען מיך שוין צו באַרופען — מאַנאָוועז!...

וועגולאַראַ:

איך בין שוין געקומען אין די הימלען פון פרייד —
וועמענס ברכה בענשט? געטליך באַגער פון גליק — אַ שטייג
פון דיינע אונענדליכקייטען — נעמסט דו פון מיר —
מאַנאָוועז! דעם וואָס ביי געבליהטען אַליוון צווייג...
איך זעה דיך יעצט ווי נאָך קיין מאָל נישט געזעהן
עס קען די זעעלישע קראַפט בילדליך ענדערען שנעל,
דיין שעהנער קאָפּף און שטערען איז פון זון געקראַנצט
און עס שוועבט אַרום פאַר דיר אַ ליכט וואונדער העל...

מאַנאָווען:

(מאַכט איינִיגע שריט נעמט דעם אָליוון צווייג)

מיט פיעל דופט און בליטהען איז דער אָליווען צווייג —
עס שיינט מיר איבעראַל יעצט זעעליש דערוואַכטער שטאַנד
און די נאַטור שפּרעכט מיט מיר אַל האַרמאָניש גלייך
ווי די געטליכע ספינקס באַלעבונג פון זונען בראַנד.
פריהלינגס רייך איז יעצט דער גאָרטען, ר'איז מיר באַקאַנט
און אויך באַקאַנט פון לאַנג שוין איז אַרום מיר דאָס אָרט
כ'האָב נישט אָפט געהערט דיין שטים — דאָך ז'איז מיר
פאַרוואַנדט —
אויך דיין יעדער געדאַנק און הייליגער שפּראַך און וואָרט.
ווי פּלוצלינג ווערט איינעם טריי באַגלויבט אויגען־בליק
קיין מאָל געזעהן — נור וואָס באַמערקט דעם העלסטען שיין
ווי שפּיעגעלט דאַמאָלסט זיך זיין שעהנער הימעל בליק?
ער פיהלט זיך פּרייד באַגליקט אין אונזער וועלט צו זיין,
קלאָרער ווערט וואָס ווייטער — דער הימעל לויטער ריין,
און אַלעס שיינט דאַמאָלסט צו זיין אין לעבען ווי ניי —
ווי ס'וואָלט יעצט געבוירען אין הימנע ליעד די וועלט,
און אַלעס בליהט, וואַקסט, באַוועגט זיך, פאַרוועררטס — ניי
און פריי.

וועגולאַרא:

עס בלייבט געפיהל אויך נאָך דעם ווייטען גרענעץ ווייט
איך בליק אַהין און כ'זעה געהאַלזט דעם הימעל אין ערד —
ביי דעם האָריזאָנט — איך זעה זאָגאַר ס'איבער בילד
איבער די ווייטקייט — און הערליכעס פון ווייט געהערט...

מאַנאָווען:

ס'איז געווימעל פאַר געהער און אויך פאַר דעם אויג
דאָך פיעלעס באַליעבט זיך — געזעהן — אָדער געהערט...
באַזונדער — ווייל דיסהאַרמאָניש איז עס ביינאַנד
און צוזאַמען גרייפען בלייבט דער פּראָבלעם גאַר געשטערט.

ווענולאַראַ:

שאַפט די פאַרשטעלונג שוין דעם געדאַנק און דעם זין —
באַזונדער — און אויך אַלעס צוזאַמען רעדט אַ שפּראַך
אין פאַרשיעדענע צייכענס דורך טאָן און קלאַנג
די טראַגישע דיסהאַרמאָניע איז נישט צו דער זאַך!...
און ס׳איז מיין וואונש — מאַנאָוועך! דיך צו פרעגען יעצט —
געוויס וועט עס בלייבען אין געהיים — פאַר מיר אַליין,
דיין האַלב פאַרגאַנגען שיקזאַל — הערבסט און פריהלינגס בלאַט?
— ס׳איז מיר נאָך אָנקלאָר ווי שטאַרער קלאַנג אויס פעלזען
שטיין.

מאַנאָווען:

ווען געבורט איז ווען קלאָר? ס׳שפּרעכט זיך נישט געני
גליקט אַ יוגענד פון טרוים און לעבען געהאַלזט צו זיין
געטרייסט מיט בלאַסען האָפנונגס שימער און צוקונפט
איז גוט דער טרייסט פון נאַטור און מוטער שפּראַך אַליין.
אונענדליכער הימעל האָט מיך אַלס פריינד באַזועלט —
צו מעכטיג פריינד צו רופען — אָבער דאָך אינטים געווען...
פאַר דעם האָריזאָנט שאַפט זיך יעדער בליק די רוה,
און קומט די בענקשאַפט געזעגעלט פון פרעמדער וויט
מאַכט וויסען דער ים שטאָלץ און ריעזיג זיין קום און גיין,
רופט אַ שטימע אין מדבר צו גאָטהייט פאַרבענקט
קומט צום ערשט אַן עכאָ פריינד אין קלאַנג פון פעלזען שטיין.

ווענולאַראַ:

דיין לעבענס שיקזאַל האָב איך פאַרשטאַנען לאַנג צוריק
דאָך דיין דערקלעהרונג מיר האָט אויפסניי מיך איבערצייגט,
אין מיין ווידמונג דיר בין איך זיכער נישט געבלענדט
מיינע לעבענס מאָטיוועך זיינען פאַר דיר געניגט.
אין טויזענט אַקאָרדען קומט אָן דאָס מאָרגען ליעד
און וועלט פאַרבאָרגען אין אָוועגט מיט האָפנונג און טרייסט —
מיט צוריק געהאַלטענע שריט און קומט דאָך ווידער צוריק,
און עס באַזאָגט זיך טאָג און נאַכט מיט קלאָר געשטימטען דרייסט.
(דער פּאָטער קומט לאנגזאם צו גיין זוכענדיג — ארומבליקענדיג
אין אַלע זייטען.)

דער פאַטער:

אַזוי לאַנג צו זיין אין דעם גאַרטען?
ביינאַכט, בייטאָג, צו יעדער צייט,
און די מוטער טרויערט אין בענקשאַפט
ווי נאָך אַן אידעע פון גאַר ווייט...
— און ביזט דו — טאָכטער וועגולאַרא!
מיט נאַטור און שטאַרקען באַנד?
ביזט דו מיט אונז דאָך נעהנטער מענשליך,
אינטימט אויך אַ מענשעגס האַנד.
דו האָסט דאָך נור נאַטור באַגעבען
האָסט עלטערען ליעבע נאָך? אַ קום —
שוין יעצט מיט מיר — ס'קוועלט אונז איינזאַמקייט
די מוטער גייט אַרום ווי שטום.

וועגולאַרא:

איך בין דער מוטער צו פאַרגייסטיגט
אידער עדעל זין איינט מיך צו טיעף —
און שמערצ'ליך איז מיר דאָס צו ליידען —
מיך אַלס אידעע אין איהר באַגריעף.
און דאָך — איך ליעב זי היינט ווי אימער —
און דיך אַ פאַטער גלייך צו גלייך
מיין ליעבע איז נאָך גאַר ווי דעמאַלסט
ווען כ'בין געוועזן אַ קינד מיט אייך.

דער פאַטער:

און אַך, זי שלאָפט די נאַכט נישט רוהיג —
זי שפרעכט פון שלאָף איהר צאַרטען טרוים,
זי זאָגט — דו ביזט איהר פרעמד אַנטקומען...

וועגולאַרא:

אימער אין צווייג פון זעלבען בוים
און דאָך מיין גייסט מיז איינזאַם בלייבע.

דער פּאָטער:

אָ זי וועט ליידען פיעל פּאַרדרוס,
וואָס האָב איך דיר נאָך מעהר צו זאָגען?

ווענולאַראַ:

איך שיק איהר מיין הערצליכסטען גרוס.

(דער פּאָטער גייט לאַנגזאַם פאָרט ווענולאַראַ פאָלגט איהם נאָך מיט איהרע בליקען, אַ טיעפע שטילקייט הערשט אַרום, עס ווערט עטוואָס דונקלער, נאַכטיגאַלען זילבען הערען זיך פון ווייט, עס הערען זיך טענער פון קלאַוויר אויס די פּרעלודיען פון שאָפּען — פון ווייט אויס געהערט).

ווענולאַראַ:

(האַרמאָניש מיט די טענער פון דער מוזיק)

שטיל פאַרשווינדען — אין וועלכען אָרט — לעצטע וואָלקען —
און דער הימעל — בלוי —טיעף און ריין — עס קומט אַ
שטערען —
זיין בלאָסער שיין — אין טרוים געהילט — איינזאָם — איינזאָם—
איינזאָם פיהלט זיך — זיין קום און גיין — אַ שטיל באַגעהרען...

שליסט שוין די אויגען? אין טהאָל די רויז — פאַרבאָרגען —
באַגינט דאָס ליעד — די נאַכטיגאַל — פון אַ פאַרגאַנגען —
שליסט די זילבע — מיט טאָן פון קוואַל — גלייך פאַרלאַנגען —
בלאָסער טרויער — איינט איינס און אַל — מיט ווייטע קלאַנגען...

אַ רוישען ברומט — עס נויגט די צווייג — זיך געבויגען —
אורשפּרינגליך דופט — גרייכט קיהל דער ווינד — און
קרעפּטען וועבען —
די ריינע לופט — טראָגט צאַרט מילד — אין זיך אַ שטרעבען —
ס'קומט אַ שטערען — ווי אַ מדבר קינד — נאָך צו שוועבען...

לעצטער גרוס! אַ זון פאַרגיין — קומסט ווידער מאָרגען —
פּאָר אַ נייעם טאָג — פּאָר אַ גרעסער גליק — ווי גערען —

אַ נאַכט! אַ טאָג! כ׳ליעב איך אייביג מיט פאַרעהרען
זינגט מיר אַלע — אַ ליעבעס ליעד — אין כאָר פון שטערען...

הייליגע רוה — רוהט שוין אַרום — שטילער —שטילער —
ס׳בויגט זיך דער צווייג — נויג דיך און גלויב — נאַטור
אין פרומען —
די נאַכטיגאַל — זינגט נאָך דעם לויב — אַלע שטומען —
ס׳שיינט שוין לבנה — שטיל ווייס ווי טויב — און שטערען
קומען...

(די לבנה לייכט בלאַס העל, דער הימעל איז געשטערענט עס הערען זיך צוריסענע קלאַנגען און מעלאָדיען פון קלאַוויר אויס דעם אָפענעם פענסטער).

מאַנאַווען:

אונאַנטפלעקט — זיך זעלבסט נישט קלאָר — דער בליק אין
דענקען —
באַגערט די שטילקייט — דער שטאַרער וואַלד — וואַלד פון
טענען —
אַוועגט צופאַל — אַרום געהילט — קינפטיג בענקען —
טיעפעס הערען — אין זיך געפיהלט — און וויטעס קענען...

ס׳ציטערט אין זיך — פיעל מיט גלויבען — וואַלד פון טענען —
ריינע זילבען — טענער גרוסען — פון „גרויס אָרקעסטער״ —
וואונדער קינסטלער — גרויסע מייסטער — צו דערקענען —
און דער רעזשיסאָר — דער דיריגענט — איז דער גרעסטער...

איז וואָס געהאַלטען — אין דעם ליכט געהיים — נישט געזעהן —
זאָל עס בלייבען — צו דער פאָרשונג — ס׳געהערט דער
וואַרהייט —
עס דאַרף אין לעבען — פאַרבאָרגען זיין — ווי ס׳איז געווען —
עס זאָל דאָס ליכט — דעם גרויסען סוד — נישט ברענגען
נאַרהייט...

שאָטען ליכט — ליכט אין שאָטען — כ׳זעה דיך אין שפּיעגעל —
אין לייכטען שריט — שוועבט אַן אורבילד — און אַלץ
גענומען —
אַ טיעפע פרייד — הויכער טרויער — שליסט דעם זיעגעל —
און ענדליך פאָלגט עס — נאָך געווילד — אַ הייליג שטימען...

ווייסע שטראַהלען — פון דער לבנה — דאָ און דאָרטען —
הייליגע רוה — ס׳שימערירט — דער וואַלד פון טענען —
ריינע זילבען — צווילינגט ס׳מאָטיוו — אין געטליך קענען —
ס׳ציטערט אין זיך — טיעפער גלויבען — וואַלד פון טענען !...
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

וועגולאַראַ:

אין דעם טעמפּעל שיינט דאָס ליכט אַ הייליג ברענען,
ס׳צאַנקט אין טיעפען טרויער — צום ערשט אין פריידיג פלאַמען,
אין דעם הימעל ווערט די שעפּפונגס פרייד געבוירען
דער טרויער אויף דער ערד געבונדען שטאַרק צוזאַמען,
און איז דאָס גליק פרייד צו האַלזען געדענקט זיך טרויער,
בין איך אין טרויער גערינגעלט פאַרגעס איך פריידען...

מאַנאָווען:

דער טרויער איז מעכטיגער קענען מיר זאָגען.

וועגולאַראַ:

דאָס גליק אָבער באַהערשט דעם טרויער און די ליידען.

מאַנאָווען:

און פאַר מיר בלייבט עס נאָך געגצליך אונבאַשיידען.

וועגולאַראַ:

ס׳לעבען קען אויף יעדען געביעט פיעל וואונדער געבען.

מאַנאָווען:

און פאַרקעהרט — עס קען אויך זעהר פאַרצווייפעלט מאַכען.

וועגולאַראַ:

ס׳גליק מאַכט פאַרגעסען טויזענטער ליידען אין לעבען.

מאַנאָווען:

וועט מיין גייסט באַנעמען דיין געדאַנק און וויסען?
זאָל איך גאָר אַ נייער מענש זיין, מיט לוסט און גלויבען...
און וועט דיין קראַפט מיך אַזוי וויט באַוועלטיגען —
וועל איך דיר הימנעס שאַפען — דיך בענשען און לויבען...

וועגולאַראַ:

ס׳איז נישט נור מיין באַגער — נור אויך בלינדער ווילען,
דיך אין לעבענס־גלויבען צו ריכטען — צו באַרופען —
פאַר ס׳גוטע און עדעלע מיט מיר צוזאַמען —
אַזוי איז זיכער מיין אמת אויף אַלע שטופען.

מאַנאָווען:

אין דעם האָב איך מיין גלויבען.

וועגולאַראַ:

ס׳האָט דער הערבסט אין באַנד
דיין לעבענס בוך געבונדען,
און בין איך אין שטאַנד
ס׳הערבסטליכע צו באַצווינגען
שאַף איך גלייך אַ וואַנד
אין שטאַרקע טיעפע גרונדען —
מיט מיין אייגען האַנד,
פענסטער וואָלט איך איינגעשטעלט
פון מאַטען גלאַז — קליין,
גרייכסט דו ווען דיין צוריק זעהען —

בליקסט דו צווייטען שיין...
דיין אידעע וועט נאָך קומען —
און אויךווירקליך זיין,
איבער ס'טראַגיש געוויסען,
הויך ביסט דו אַליין...

מאַנאָווען:

עס איז דער מענש אין קייטען,
צייטען לאַנג געדרייפט —
אין זיינע יוגענד טרוימען
ווען ער זיך באַגרייפט...
אין צוקונפט שטרעבט דאָס זעהען
צו דעם אייגענטליכען בילד
פון געוועזענעם גאָרטען
ס'באַגער איז נישט ווילד
ס'געלעבטע וויל אידעע ווערען
ס'איז דער יוגענדטרוים
וואָס ליכטיגט ווי אַ שטערען
ס'ניי ליכט אין דעם רוים.

וועגולאַראַ:

דער טאָן איז גאָר עלעגיש
אָבער אויך געהילט,
און דורך די פורפור וואָלקען
ווערט דער קלאַנג געפיהלט.

מאַנאָווען:

נישט טרויער וועגולאַראַ!
פריהלינג איז דאָך מילד,
אין פריהלינגס קוואַל צו לעבען
ענדערט זיך דאָס בילד.
ס'גיבט דאָך מאָמענט אין לעבען
אויגען בליק אין צייט,

יום טוב'ט דאָס גליק איבעראַל —
ס'קומט דער טרוים פון ווייט.

ווענולאַראַ:

כ'וויל פיהלען דיין טרויער
אַלעס — ווען איך קען...
מיט פרייד און לוסט דיך בענשען —
מיין וואונש — מאַנאָווען!
איז דאָמאָלסט גליק געהערליכט
ס'לעבט דער טרוים פון ווייט
עס קומט דער טרוים אין לעבען
יום טוב'ט אין זיין צייט!...

מאַנאָווען:

ס'איז דיין הימלישע מיסיאָן?

ווענולאַראַ:

אַלעס — באַגייסטער דיך...

מאַנאָווען:

געטליכע ווענולאַראַ!
(ווענולאַראַ לעהנט איהר רעכטע האַנד אַרום זיין האַלז).

ווענולאַראַ:

און איינט דיין אויג מיך?
(מאַנאָווען לעהנט זיין האַנד אויף ווענולאַראַס קאָפּף מיט אַ צערטליכען קוש).

מאַנאָווען:

אויך מיין גייסט איינט דיך!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער ספינקס:

אַ טיפער נאַכט פון פריהלינגס שעהנהייט!
אין געטליך שווייגען רוהט דיין שטיל שטאַנד,
און מיין באַגער איז נאָך צו פאָרשען
אויס דיין פיעל פאַרהערליכט מיסטיש לאַנד...

פון דעם אינערליכען וואַלד געזאַנג —
הער איך שוין ס'ליעד פון געהיימער פראַכט,
דיין געהיימניס וועל איך דערפאָרשען
נאָך אין הייניגער הערליכער נאַכט...

דאָך רוהיג וועסט דו נאַכט פאַרשווינדען,
מיט לייכטע פליעגלען געהיים און שטיל,
און מאָרגען וועט דאָס ליכט דערשיינען
צו באַלויכטען העל דעם צוועק און ציעל...

און דו — געטליכע וועגולאַראַ!
ליעבסטער מאַנאָוועץ! איהר האָט דאָס וואָרט,
איהר האָט ס'הייליגסטע צו באַצוועקען
אין דער שטאָדט — אין לאַנד — אין יעדען אָרט!...

(שלוס פון ערשטען אַקט).

צווייטער אַקט

(ביי דעם ברעג פון ים. אייניגע ריעזיגע בוימער דאָ און דאָרט, פון ווייט זעהט זיך הויך געבירג, רעכטס זעהען מיר דעם ספינקס אין גיגאַנטישע גרויסקייט, וועגולאַראַ זיצט געלעהנט אויף אַ גאָרטען באַנק און שלאָפט — שעהנע פריהלינגס נאַכט, האַלב ליכטיג פון לבנה און שטערען באַשיינט.

עס הערען זיך שריט, מאַנאָוועז קומט פאָרזיכטיג צו גיין מיט אַ וויי־סען בלומען בוקעט אין האַנד, ער קומט צו וועגולאַראַ, — באַמערקט איהר שלאָף און ציהט זיך פאָרזיכטיג צוריק).

מאַנאָוועז:

אין אַ שלאָף געלעהנט רוהט וועגולאַראַ!
זעהר שטיל באַוועגט זיך איהר פערעל ברוסט,
אין בלומען באַקראַנצט איז איהר קאָפּף אַרום
גאָר טרוים — פאַרטרוימט אין אַ טרוימען לוסט...

אַ וועלכע געדאַנקען האָט מיין ליעבסטע?
פון וועלכען הימעל רייך ווייטעס לאַנד —
ווי וואָלט מיין זעלע זיין מיט געצווילינגט
געהאַלזט פון דיין צאַרט עדעלער האַנד...

אַ שלאָף מיר באַגליקט מיין טיעף געליעבטע —
לבנה שטראַהלען קרוינען אַרום דיין אָרט,
און אַ פרייד באַוועלטיגט מיין דערוואַרטען
גרוס צו קושען דיר דיין ערשטעס וואָרט...

עס שוועבט דיין וואָרט ווי אויף סעפיר פליעגלען
אין בלויער ספערע — אין הימעל לאַנד —
און עס קלינגט מיר דיין הערליכע שטימע
שעהנסטען אַקאָרד מיט אַ שפּראַך ביינאַנד!...

(עס ענדערט זיך נערוועז זיין שטימע, און בליקט טיעף גע־שטרענגט צום הימעל)

עס שימערען די שטערען
מיט גאָלד און זילבער שטראַהלען,
דאָרט וייט אין אונענדליכקייט —
ס'רוישען אַרום די קוואַלען,
ס'קען דער רויש נישט דערגרייכען
דיין גוטען שלאָף צו וועקען,
עס זאָל וואָס נישט געלינגען
דיין שעהנעם שלאָף צו שרעקען,
מיט טרייהייטס בליק אַ קעגען
אויף דעם גראָז וועל איך שטומען —
מיין גייסט אין שטאַרקען וואַך זיין
ביז דערוואַבונג וועט קומען...

(ער לייגט אַוועק דעם בוקעט און לעהנט זיך אויף דעם גראָז קעגען איבער וועגולאַראַ, עס הערען זיך נאַכטיגאַלען געזאַנגען און אַנדערע אַרטיגע פייגעל זילבען).

(רעדט ווי צו זיך)

קריסטאַלענער קלאַנג
אין טרוימענדען שלאָף,
ס'דרעמעלט דער פויגעל
און הערט נישט זיין שפּראַך...
איז עס אַ ליעבעס ליעד?
עס שיינט אַזוי באַנג,
דאָס זינגט דער פויגעל
אַ ליעבעס געזאַנג...

(וועגולאַראַ דערוואַכט, מאַנאַוועו דערהויבט זיך אונבאַוועגליך שטיל).

װענולאַראַ:

(װיזיאָנעריש פאַר זיך)

ביים ים...
ביי דעם װילד שטילען ים —
דאָרט שטייט זיין הויז
זיין היים...
דאָס הויז פון גרויען שטיין און ליים,
ס׳פענסטער פון מאַטען גלאָז —
האַלב אָפען...
ס׳באַװעגט זיך די װייס זיידען גאַרדין
פון װייטען װינד,
און װאַלדיג מיט בוימער איז געריגנעלט דאָס הויז...
די בוימער די שלאַנקע געשטאַלטען —
באַװעגען זיך געבויגען פון װינד.
און אימער איז דער הימעל אין טרויער,
אַזוי גרוי פינסטער זיינען די װאָלקענס,
פינסטער איז דאָס הויז...
עס ברומט די שטימע פון װינד,
און שפעט ביי נאַכט —
בליקט ער אויס דעם פענסטער
אין די װייטע טיעפע פינסטערניש...
ס׳שפיעגעלט זיך אויף זיין בלאַסעס געזיכט
דער צערטליכער שיין פון דער לבנה,
זיינע אויגען שטאַר —
די אויגען פון שמערץ און טרויער
און געוואַלטיגע בענקשאַפט...

(זי דערבליקט מאַנאָװענען װערט באַרוישט).

אַך — ביזט לאַנג שוין דאָ? אַ מאַנאָװען!
גאַר אַזוי שטיל — און רעדסט נישט װאָס?

מאַנאָװען:

כ׳װיל געפיהל נישט שנעל באַװירקען,
דאַך ס׳איז העל מיין הערץ דיר צום גרוס.

(מאַנאָװען דערנעהענטערט זיך, װענולאַראַ שטייט אויף, זיי דער־לאַנגען זיך די הענד קאָפּף קושענדיג).

װענוּלאַראַ:

אין שלאָף האָב איך דיך אויך געזעהן
ס'איז רעטזעלהאַפט מיין טרוים אין בילד...

מאַנאָװען:

כ'האָב אַ װייטען װעג געקרייזעלט
װי ס'איז נאַטור דאָרט מעכטיג װילד,
כ'בין דורך װאַלד דעם װעג געגאַנגען
ביז ס'שליסען זיך די פעלזען דאָרט,
ליכטיג איז געװען געװעזען
און נישט געגרענעצט האָב איך דאָס אָרט...

(דערלאַנגט דעם בוקעט װענוּלאַראַ'ן)

נעם פון מיר אַ װענוּלאַראַ!
דעם בלומען קראַנץ — פערפומט גאָר רייך...
כ'האָב דאָס דאָרט צונויף געזאַמעלט
װייסע בלומען, און אַלע גלייך.

װענוּלאַראַ:

(נעמענדיג די בלומען)

װי געריהרט בין איך מאַנאָװען!
און האָסט דו די פעלזען דערגרייכט?

מאַנאָװען:

און קורצע צייט — זעהר געלונגען,
דאָך אַ געפאַר געװען — גאָר לייכט,
ס'האָט דער זייגער צען געשלאָגען
װען כ'בין גאָר אויבען הויך געװען,
און װייט האָט מיין בליק געדרונגען
האַלב ליכטיג האָט מיין אויג געזעהן —
די װילדע טיטאַנען פעלזען
אָרום ביי די ברעגען פון ים,
ס'האָט זיך כװאַל מיט כװאַל געשלאָגען
װי בלינדע פיינד פון פרעמדען שטאַם.

מײַן בליק האָט זיך זעהר געשראָקען
פון די פעלזען צו זעהן דאָס מעער...

װענולאַראַ:

יענע פעלזען צו באַשטײַגען —
איז אויך פון לאַנג שוין מײַן באַגער...

מאַנאָװען:

אין דער טיעפקײט אײַן צו שטירצען,
אין ס׳טיעפסטע מעער — אַ פרעמדע מאַכט!
פרעמד האָט מיך דער גײַסט באַװעלטיגט —
ס׳װאונדערט מיך די הײַנטיגע נאַכט...

װענולאַראַ:

ס׳איז געװוען מײַן טרוים גאָר שרעקליך
און דערקלעהרסט מיר דעם באַשרײַד
דרײַ מאָל האָט מײַן טרוים געװאַנדעלט...

מאַנאָװען:

אַ שמערצליך איז געװוען מײַן לײַד.

װענולאַראַ:

װי פרעמד איז מיר יעצט דײַן שטימע —
װאָס איז דײַן טאָן אַזוי געקלעמט?

מאַנאָװען:

קלאַנג — טאָן װאַנדלונג איז אויך מענשליך...

װענולאַראַ:

בײַ שװאַכע שפּראַך בין איך פאַרשעמט.

מאַנאָוועו:

אינערליך האַלט זיך נישט געזאָגטעס
ס׳גרייכט נישט די שפּראַך אַל־צום אויסדרוק,
דאָך ס׳רעדט זיך פיעל — נישט צו שטילען...

וועגולאַראַ:

ווי פאַרענדערט איז דיין אויסבליק —
דיין געמיט אַזוי פּאַטהעטיש?

מאַנאָוועו:

כ׳האָב אַ זעהונג נור וואָס געזעהן —
וואָס האָט באַוועגט מיין גייסטיגקייט,
און כ׳בין אין שוידער אויך געוועו.

וועגולאַראַ:

דערלאַנגט עס דיר אַ מאַנאָוועו!
מיר צו באַגעבען — דערצעהל׳ס מיר.

מאַנאָוועו:

פיעל צו ווייניג — ס׳איז וואָס מעגליך,
און כ׳האָב נישט צום סוד וואָס פאַר דיר,
— אויף אַ הויכער זילבער סקאַלע
ווי כ׳האָב געלעהנט מיט בליק צום מעער,
אין מיין דענקען טיעף געבונדען
מיין הערץ — געפיהל — אויך זעהר און זעהר...
האָט אַ שאָטען זיך געווירבעלט
און קעגען מיר געבליבען שטיין
איך האָב וואָס מעהר נישט געזעהען,
און דאָך געהערט האָב איך גאָר ריין
מיט וואונדער שפּראַך פענאָמעניש —
האָט דער שאָטען צו מיר גערעדט. —

שטיי אויף,
אַ יונגער מענש!
נישט שרעק,
בליק מיך נישט —
מיין בילד איז נישט אַנטדעקט, —
דיין געדענקען
וויל איך יעצט באַצווינגען.
געדענקסט דו?
ווען ס'האָט דיין אויג צום ערשטען מאָל
ביי יונגסטע יוגענד —
די נאַטור דערבליקט — די גרינע ערד
דעם בלויען הימעל — די ריזיגע וואָלקען —
ווער האָט דיין גייסט באַשווערט?...
און ווידער האָסט דו דיינע אויגען
צום הימעל געווענדט —
דיין בליק האָט געבלענדט
קעגען דעם בליץ
און קעגען די העלישע שטראַהלען,
האָסט דיין קאָפּ געבויגען
פון פייערדיגע זון געברענט
און ביזט אַנטלאָפען אין דעם שאָטען רייך,
אין דעם שויס פון בלויע וועלדער —
האַלב טרויעריג, האַלב פריידיג,
און געטרילערט האָבען אַלע פייגעל
דאָס הויכע ליעד פון „פאַרהייליג"...
און האָסט דערפיהלט דיינע ערשטע בענקשאַפט —
האָסט דו פאַרשטאַנען דיין פאַרשווערונג?
אויס דיין טיעפען גייסט און זעעלע
אויך זעלבסט פאַר דיר אונבאַוואוסט —
עס איז מיר טיעף באַקאַנט.
ווידער האָט דיין בליק באַגריסט דעם הימעל,
די בלויע טיעפע אונענדליכקייט —
און ווי אַ פאַרבאָרגענהייט —
האָט אַ ווייס האַלב גרויער וואָלקען
פאַר דיין אויג געשוועבט.

און באַריהרט האָט ווער אַ האַרף
מיט געטליך צאַרטע הענד...
און אונבאַוועגליך ביזט דו געוועזען
מורמלענדיג וואָרט נאָך וואָרט
דיין ערשטען פסאַלם פאַר דער אַלנאַטור...
געדענקסט דו? געדענקסט דו מעהר?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פאַרשוואונדען איז דער שאָטען גלייך
ביי דעם לעצטען שפּרוך — געדענקסט דו מעהר —
אין גרויסער רעגונג איז מיין גייסט יעצט —
מיין געפיהל געדאַנק איז מיר צו שווער,
מיין טיעפע זעעלע איז מיר יעצט גלייך
ווי אַ רואין אין אַ מדבר אָרט —
אָ ווי בין איך פון מיין יוגענד ווייט —
פון יענער אידעע... צו שוואַך מיין וואָרט...

וועגולאַראַ:

ביי יונגסטע יוגענד — אין דער נאַטור,
דערבליקט האָסט דו דיך אין איין גאָטהייט...
נישט אַלס געזעהען — ס'איז אַ בלענדונג —
ווי דאָס לייכטען פון טיעפער וואַרהייט.
און האָסט דו געהערט יענער שטימע
האָסט דעם געדאַנק וויניג פאַרנומען
און ווילסט נאָך יעצט דעם זין באַגרייפען
פון ווייטע פאַרבאָרגענע שטימען?
שיינט דיר פיל׳ייכט אַ העלער שטערען
צו דיין זעהונג דיין באַגער —
ס'דערקלערט זיך אָפט ביים לעבענס גרענעץ
ערשטע וויזיעס פון געטליך געהער!...

מאַנאָוען:

געוואַלטיג וויל איך מיך באַצווינגען
אין אָט דער בלענדונג איינצושטייגען,

איך פיהל מיך זעהר און זעהר געדרונגען
העלף מיר גייסטיג — עס איז דיר אייגען...

וועגולאַראַ:

איבער זיך צו שטייגען אין זעלבסט דערקענטניש
עס איז אַ וויט די לענדער צו דערגרייכען,
ווי וואָלט איך אויך אין יענע הימלען שוועבען
מיט גייסטיגע אויגען מיין בליק צו גלייכען...
אין שויס פון נאַטור — אין אורוואַלד רעגיאָנען
גערינגעלט פון גייסטיגע הויך עבענען...
אַ דאָרט ווי עס שפרעכט זיך אָן — אויסגעשפּראָכען
און וואו עס דערקענט זיך — נור צו דערקענען,
דאָרט וואו עס זעהט זיך אויף אייביג געזעהען...
וואו אַלמעכטיגקייט פאַראייניגט די מענשען
ס'לאַנד איז פאַרבאָרגען — דאָך ס'זעהט זיך פון וויטען —
מיט ברכה באַגליקט פון געטליכען בענשען.

אין סוד פון דער נאַכט אין טיעפע פינסטערניש
זאָל דאָס פריידיגע גליק דעם גייסט באַשיצען,
און ווען עס וויזען זיך פינסטערע וואָלקענס —
קיין שרעק אויך פאַר די דונערען און בליצען...
איך פיהל מיך מעכטיג — בין מיט דיר פאַראייניגט,
לעבען און עמפּפינדונג מיט דיר צו שטרעבען —
קעמפּפען צוזאַמען מיט ווילּיגע קרעפטען
פאַר דעם ווירקליך גרויסען ריכטיגען לעבען!...

כאָר:

(אונגעזעהען פון וויט)

עס טראָהנט אַ קראַפט אויף דעם פעלז ביי דעם ים —
ווי אויף אַן אינזעל — נישט זיכער...
דאָך זיכער צו זיין —
שטייט דאָרט געפאַנצערט אַ ריעזיגע שיף,
דאָס אינזעל איז באַוואוינט פון דריי מענשען אַליין.
קומט יעדע נאַכט פון דעם ים וועֶר צו גיין —

ער איז דער נישט געזעהענער —
און ער קלאַפּט אין דער טיר,
זיי שלאָפען אין אינערען — און הערען דאָס נישט —
דאָך דערוואַכען זיי גלייך ווען דער זייגער שלאָגט פיר.

ווענטוראַ:

פון וועלכע ווייטקייט קומט יעצט געזאַנג?
אין טיפער נאַכט — עס איז מיר פרעמד,
אַלע שטימען ווי מיט איינהייטס קלאַנג —
עס איז מיר פרעמד, עס איז מיר פרעמד...

מאַנאָווען:

איין וואַנדער גרופע פליכט אין וועג —
דער פריהלינג איז ליעב, ס'הערץ איז פריי —
זינגט זיך אַ ליעד — און עס זינגט זיך לייכט
און ס'גייט דער וועג גאַר שנעל פאַרביי.

כאָר:

די פאַרוואַנדלונג האָט די נאַכט באַלד שוין דערגרייכט.
דאָך קומענדיגע פינסטערניש גרייכט יעצט וואָס מעהר...
זון אויפגאַנג קומט אויך אין רייט וואָגען געשפּאַנט,
דער הימעל איז אָן שטערען, דער הימעל איז לעער...
עס געזעגענט זיך נאַכט — בויגענדיג דעם קאָפּף —
און אַ פינסטערניש איז אַרום און איבעראַל,
ווי גוט און געזונד שלאָפט דאָס דער שלאָפער יעצט —
אין דערפרי דערוועקט איהם דער זון שטראַהלענדער שטראַהל!

מאַנאָווען:

ווי פיהל איך מיך דאָס עקסטרעמיש היינט...
בין איך וואָס שוואַך — ווער איך גלייך מעכטיג,
אַ פרעמדע מאַכט באַהערשט מיך היינט
די קראַפט וואָס שיינט מיר — גאַר פאַרדעכטיג...

ווענולאַראַ:

פאַרדעכטיגט שיינט מיר דיין שוואַכקייט יעצט
זאָל דאָס די קראַפט שוואַכקייט פאַרהילען,
און ווי גלייך עס זאָל אַ מענש נישט זיין —
ער מוז זיך אויך עקסטרעמיש פיהלען...

מאַנאָווען:

ס׳איז אַ מאָמענט ווען זעעלע, און גייסט,
אידעע, געפיהל, מאָרגען, און נעכטען,
ווילען דערגרייכען אַ קלאָר באַגריף.

ווענולאַראַ:

ס׳איז אַ וואונש פעסט זיך צו באַמעכטען —
אָדער איך האָב אַן אירטהום פיליכט?
עס זאָל מיינען אַ זעלבסט באַצוועקען,
אימאַנענטער דראַנג צום איבער איך —
אין זעלבסט געריכט די שולדען דעקען
מיט וואָס פאַרשולדיגט נאַטור האָט זיך...

מאַנאָווען:

בלייבט יעצט אַלעס נישט צום באַשליסען —
דאָס באַצווייפלען אַהין און אַהער,
דערגעגענט זיך צום פאַרדריסען.

ווענולאַראַ:

אַ קיין מאָל האָב איך נישט געליעבט
דאָס גריבלען זיך אין דעם געדאַנק,
כ׳פיהל מיך באַצווינגען — אָנגעשטרענגט —
כ׳בין יעצט אין בענקשאַפט — ס׳איז מיר באַנג...

מאַנאָווען:

(גרייפט לאַנגזאַם ווענולאַראַס האַנד)

איז דאָס די אורזאַכע פּילייכט?
וואָס מאַכט דיך אַזוי בלאַס און צאַרט,
אָדער דערשראָקען פון טרוים נאָך?
צי פון יעצטיגען געגענוואַרט?

ווענולאַראַ:

דאָס געוויס נישט, פרעמדעס איז עס,
כ'האָב צום הימעל לאַנג געבליקט היינט —
ווי איך ליעב דאָס איז דיר באַקאַנט,
בין איך איבערשטרענגט ווי מיר שיינט —
און איך בין אויך גאָר לאַנג שוין דאָ,
גלייך ווי דער אָווענט האָט דערגרייכט
און פון דערפרישטען פריהלינגס טהוי
זיינען מיינע אויגען מיר פייכט.

מאַנאָווען:

ווען איך בין געקומען פון וועג נור —
האָט לויטער דיין געזיכט געשיינט,
אין צאַרטען שלאָף דיין קאָפּף געלעהנט —
דו טרוימסט פון גוטס האָב איך געמיינט.

ווענולאַראַ:

פון גוטס האָב איך דאָך אויך געטרוימט.

מאַנאָווען:

האָסט דאָך אַלעס נישט דערצעהלט מיר.

ווענולאַראַ:

און דאָס האָב איך שוין גאָר פאַרזוימט...

מאַנאָוועץ:

כ׳וואָלט קישען פון דיין אויג דעם טהוי
די בליטהען פון דעם בליהונגס דופט,
וואָס באַפרייט האָט די נאַטור היינט —
עטהעריש ריין די פריהלינגס לופט...
דיינע אויגען פון הימעל בלוי
און פורפור וואַלקענדיגען שיין,
דיין זילבער ברעם איז פייער ווייס —
און יום טוב׳דיג וועסט דו מיר זיין!...

וועגולאַראַ:

זעהסט דו מיך אַזוי זונען־העל?
אין אַ פינסטערע דונקלע נאַכט —
עס וואונדערט מיך דיין אויגען מאַכט.

מאַנאָוועץ:

ס׳איז אַליין דיינע אייגענע קראַפט.

וועגולאַראַ:

איך ווייס — אַז פון דיר אַליין נור —
ווער איך אַזוי אַרטיג דערבליקט,
עס האָט דאָ אויך דיין איך אַ טהייל...

מאַנאָוועץ:

נון — זיכער בין איך דאָך ענטציקט,
ווען כ׳זעה דיך מיט מיין אייגען אויג —
אַלעס עבען־בילד מיט דיר ביינאַנד —
פיעל געליעבטע וועגולאַראַ!
מוטער צערטליך איז דאָך דיין האַנד,
קענסט דו דאָס בילד „מאַדאָנען טרייסט״?
וואָס בערגט אין זיך אייגענעם שמערץ!...

וועגנולאַראַ:

איך בין גאָר לויטערדיג געשטימט
דאָך פיעל באַוועגט זיך מיר מיין הערץ,
עס פאַרגעניגט מיך יעצט מיין וואַך זיין,
צו זעהן דאָס דעמערען פון דער נאַכט —
גאָר באַזונדער אין פריהלינג היינט
ס'באַווירקט מיך דאָך אַ שעהנע מאַכט...

(לויפט צו צום ים באַגייסטערט)

איך הער דיין רופען, און איך הער דיין שאַלען —
דו געוואַלטיגער ים פון שטורמישע וועלען,
קום איך צו זעהן דיין מעכטיגעס פאַלען
דונער געמירמעל פון די ריעזיגע קוועלען...
נאָך באַגרענעצט איז מיר דיין האָריזאָנט —
מוטער נאַטור! ליעבסט דו מיך נאָך אַזוי גערען?
האָסט מיך אַלס קינד מיט צערטליכקייט באַלוינט,
און געבענשט האָבען מיך אַלע הימעל שטערען...
ווי לויפען אַהין שוועבענדע וואָלקען?
ריעזיגע מחנות — ווי אין הערבסטליכען הימעל —
ציהען זיך רייהען שוועבענדע וואָלקען —
ווי זיי וואָלטען זיך שרעקען פון מעער געטימעל...
איך רוף אייך — וואַכט אויף אָ יוגענד טרוימען —
ווי איז אָ נאַטור מיט דיר מיין הערץ צוזאַמען
זאָל מיין ליעבע פאַר דיר נישט פאַרזוימען —
און פאַרברענען אין טויזענט העלישע פלאַמען...

(פאַלט מיעד אויף דעם ברעג ים).

מאַנאָווען:

(פלוצלינג)

דאָ שטייט ער — מיין עבען שאָטען,
מיין עבען בילד, יאָ דאָס בין איך...
כ'וויל דיך זעהן, כ'וויל דיך קענען,
ביזט ביי מיין זייט — באַגרייף איך דיך?

ווענולאַראַ:

(אין שרעק)

אַך — ווי פיהלט מיין הערץ — מיין גייסט א וואַנדעל —
דער טאָג ברענגט מיר שוין גאָר אַנדערע געפיהלען...
איך וועל שוין אין טיעפען שלאָף פאַרפאַלען
און מיין טיעפע נאַכט געהיימניס נישט ענטהילען!...

(פאַלט ווי אין שלאָף).

מאַנאָווען:

דאָ איז ער מיין גייסט באַזונדער,
אויך מיין נשמה גאָר לויטער ריין...
נישט פרעמד איז מיר ס'בילד צו זעהען
און איך בין יעצט נור שטאָף אַליין.
איך — געבוירען אין צייט באַגריעף —
הילפסלאָז און שוואַך דערבליקט דאָס ליכט —
און נישט אין פרייהייט — נישט אין גליק,
און יעצט בין איך אין זעלבסטגעריכט!...

ווענולאַראַ:

(ווי פון שלאָף)

ווי מעכטיג איז נאַטור אָרום —
און דו — נור זעלבסט פאַרטיעפט אין דיר...

מאַנאָווען:

האָט מיין זעעלע זיך געשאַפען —
פון רוים און אויסען בילד — אין מיר?
דורך קלאַנג — טאָן הימעל און שטערען
אַ געשעפף פון אידעע און טרוים —
געדאַנק — ליעבע — שטרעבען באַגער —
וואָס איז די בליהונג פון דיין בוים?
האָסט דעם פריהלינג נור געזעהען
ווייט — איבער האָריזאָנטען ווייט...

איבער דער ערד ים און הימעל
וואָס ווייסט נישט פון קיין רוים און צייט.
— יוגענד מענש פון לויטער האָפנונג —
יוגענד מענש! דו בלייבסט ווען פאַרשעמט
צו דיין ערשטען טאָג פון לעבען
און דיין האָפנונג איז גלייך געלעהמט —
וועלכע האָפנונג? יענע האָפנונג —
וואָס רוהט פרעמד אין אייגענער ברוסט,
און רוהט דאָרט אין שויס פון יוגענד
און לעבט אויך דאָרט ווי ס'איז קיין לוסט —
מעהר נישט פאַר'ן קאָפּריז פון נאַטור —
אַלס אַ מאַרטירער — צי פאַר גליק...
— ווידער קומט דער שוואַרצער וואָלקען
און גאָר געאירט ביים ערשטען בליק!...

איין יונגער מענש פון פריי־יוגענד
געווען אין די יאָהרען בין איך —
פון צען ביז צוועלף — און שוין איינזאַם
בין איך געווען פאַר מיר און זיך...
און מיין גייסט? עס האָט מיין לעבען
מיך פאַראיינזאַמט — כ'האָב נישט געהערט
קיין מענשען שפּראַך, מענשען שטימע,
נור זעלבסט פאַרטיעפט, און זעלבסט פאַרקלעהרט,
אָבער נישט פאַרטיעפט, נישט פאַרקלעהרט...
איך האָב אַ דאַמאָלסט וואָס געהערט,
מיין גײַסטיג אויג האָט וואָס געזעהען
און מיין אויסזעהן האָט זיך פאַרצערט —
פאַר ענטציקונג, און פאַר ליעבע,
פאַר די בענקשאַפט — מיין אויג איז פייכט —
פאַר דעם בליץ פון יענע שטראַהלען...
און אַ בילד האָט מיין טרוים דערגרייכט —
אַ הימעל פון בלויען עטהער!
טראָגסט שענהייט אין דיין עדעל שויס...

אין דיין צאַרטען ליעבעס קומער —
שיינסט דו הערליך און עדעל גרויס...

(די נור וואָס שוואַכע וואָלקענס פאַרשווינדען דער ספינקס
ווערט שטאַרק באַשטראַהלט פון לבנה שיין און פון די העלע
שטערען).

דער ספינקס:

דערגרייכט האָט שוין די טיעף־נאַכט שטונדע
און מיט פינסטערניש איז אַלץ געהילט,
עס שלאָפט דער מענש אין טרוימען רוהיג —
זיין זעעלע וואַכט — זיין נשמה וואָס פיהלט...

דאָס עכאָ:

דערגרייכט האָט שוין די טיעף־נאַכט שטונדע
האַלב פינסטער איז דער זילבערנער בליק,
און גאַר הערליך קרייזלען די שאָטענס —
די בוימער אַרום מיט שטילען גליק...

דער ספינקס:

רוהט די ערד אין אַ טיעפעס שווייגען —
עס רוהט קיין שלאָף אין דיין מוטער שויס,
האָסט דו אַ ערד גייסט ! פיעל צו רעדען ?
אַזוי קום שוין דו ערד גייסט אַרויס !...

דאָס עכאָ:

רוהט די ערד אין אַ טיעפעס שוויגען —
אַ מוטער ליעבסטע ! רעד אויס איין וואָרט,
אין שיינסטע דו בייז מיר אָדער צערטליך ?
גריס מיך מוטערהאַפט אויף יעדען אָרט...

דער ערד גייסט:

(שפּרינגט אַרויס פון אונטער דער ערד)

איך האָב זעהר פיעלעס נישט צו רעדען
דאָך פיעלעס זאָגט דער שטימער נישט גערעדט,
און וואָס עס בלייבט נאָך טיעף פאַרבאָרגען
קען דאָך ווערען פיעל ווייניג ענטדעקט.

דאָס עבאָ:

איך האָב זעהר פיעלעס נישט צו רעדען
דאָך טראָגסט דו ווינד אויף מיין האַלבע שפּראַך,
און איבער ווייטע בערג און טהאָלען
ווערט קלאָהר פאַרשטענדליך פון זאַך צו זאַך...

דער ערד גייסט:

ס'איינינגט זיך שטאָף און גייסט און שיידען —
זעהר פרעמדליך טראַגיש אין יעדער צייט,
און ס'בלייבט פאַר מיר איביגקייט — „רעטזעל"
די געטליכע זעעלע — גאָר צו ווייט...

דאָס עבאָ:

ס'איינינגט זיך שטאָף און גייסט און שיידען —
אין באַוועגונג גייט די וואַנדלונג ביי,
איך זעה אַרום מיר אַלע וועלטען
און איך ווייס נישט צי איך בין מיט זיי?

דער ספינקס:

רוף מיר אַרויס פאַרגאַנגענהייטען —
אויס די קברים און באַגייסטיגט זיי,
נור דעם מענש זאָלסט דו אַרויס באַרופען
שוין שנעל אין צייט — ווייל ס'איז גלייך פאַרביי!

דאָס עכאָ:

רוף מיר אַרויס פאַרגאַנגענהייטען —
זיי הערען שוין נישט מיין „עכאָ קלאַנג",
דאָס ליעד פון זיי וועל איך באַגרייפען —
אַן אייביגעס ליעד — עס איז מיר באַנג...

דער ערד גייסט:

דערשיינט אַ גייסטער פון די קברים —
אויס מוטער שויס פון אייביגער רוה,
און אַ לעבען זאָל איך קרעפטיגען —
מיט אַ שפּראַך באַוועלטיגט קומען דאָ...

דאָס עכאָ:

דערשיינט אַ גייסטער פון די קברים —
אַ ווידער באַלעבען רופט איך איין,
קומט איהר אַלע אין קרייז געזאַמעלט
נור נישט אין טרויער — לויטער געווייך...

די גייסטער:

(שפּרינגען אַרויס פון אונטער דער ערד)

מיר קומען פון דיר אויסגערופען —
אַהער צו אין אַ לעבעדיגען שטאַנד,
און ס'קלעמט אונז דאָס טרויעריגע שיקזאַל —
ווי עס דרוקט אונז דיין ערדישע האַנד...

און ס'לעכצט די בענקשאַפט נאָך דער זעעלע —
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אָ לאַנג שוין...
אַ לוסט איז „יוגענד טרוים" צו האַלזען —
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אָ לאַנג שוין...

ס'אויג באַגערט אין דער נאַכט צו זעהען
שטראַהלען פון טאָג און העלישע זון,
קומט אין אַ געדענקען דער פריהלינג
דאָך ווייט — צו ווייט — פאַר ווידער געוועזן...

פרויען גייסטער:

און ס'לעכצט נאָך די זעעלע די בעקנשאַפט —
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אַ לאַנג שוין,
אַ לוסט איז „יוגענד טרוים" צו האָלזען
וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ — אַ לאַנג שוין...

דער כאָר פון אַלע:

ס'איז די געטליכקייט נישט צו גרייפען
און די נאַטור איז גאָר שטום און קאַלט,
ווי מיר וועַנדען — און ווי מיר קומען
וואַנדעלט אַ סקעלעט — אַ שרעק געשטאַלט...

מענער גייסטער:

און ס'לעכצט די בענקשאַפט נאָך דער זעעלע
אַ לאַנג שוין — וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ,
באַגער איז „יוגענד טרוים" צו האָלזען —
אַ לאַנג שוין — וואָס איז לאַנג שוין נישט דאָ!...

וועַנולאַראַ:

(שטייט אויף ווי פון שלאָף)

אַ נאַטור! דו שרעקסט מיך יעצט מיט גייסטער?
אויס אַ טרוימען שלאָף בין איך דערוואַכט,
איך פיהל מיך מעכטיג נישט דערשראָקען —
זאָגאָר אין דיין פאַנטאַסטישע נאַכט.

ס'וועט מיך נישט דיין פינסטערניש בלענדען
איז מיר זעלבסט באַוואוסט מיין גרויסע מאַכט,
און דיינע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען
פארשוואונדען מיט דיר צו גלייך — אַ נאַכט!...

נור רעדען וואָלט איך דאָך אין ווערטער
וואָס מיין נשמה באַגערט אין געדאַנק,
בין איך נישט אין העכערער שטימונג
און איך קען נור זאָגען — ס'איז מיר באַנג...

רוהט מיין גייסט אין הייליגע וועלדער
און שטרעבט צו דעם הימעל טאָג און נאַכט,
בלומען באַקראַנצט איז מיין קאָפּ אַרום —
האַלז און ברוסט מיט פּערעל ווייסער פּראַכט.

אויך — אין די טאָהלען, אויף די בערגער,
דאָרט לעב איך אויך מיט געזאַנג און וואָרט —
ווי ס'האַרמאָנירען אַלע דופטען
און בלוב מיט בלום אויף אַ יעדען אָרט...

און צו מאָרגענס באַגינט געווימעל
פון אַ גרויסען כאָר אין יעדען טהאָל,
עס זשומען מיט די שמעטערלינגען —
זינגען אַלע פויגלען מיט אַ מאָל...

דער ספינקס :

נישט דאָס באַגער איך דאָך צו וויסען —
וואָס איז לאַנגע צייטען מיר באַוואוסט,
באַגרייף איך מעהר אין שטומער רעגונג
די הערליכע קלאַנגען פון דיין ברוסט...

וועגולאַראַ :

אַ ווילסט דו מיך דאָס באַוועלטיגען ?
מיט רעטזועל־זין און פינסטערע מאַכט,
ניין ! — דאָס ווערסט דו קיין מאָל נישט קענען —
מיין גייסט איז מיט מיר אין טאָג און נאַכט...

דער ספינקס :

נישט קיין מאָל רוהט מיין טיעפעס פאָרשען —
צו דעם עמפּפינדען פון איינס און אַל,
און ס'שטייגט וואָס מעהר מיין וויסענס לעכצען
ס'שטילט נישט מיין דורשט דער ריעזיגסטער קוואַל...

און קום איך אייגען פאַר דעם שפּיגעל
בליקט נאָך מיין ווידער בילד גאָר באַפרעמדט,
און וואָס עס קלאָהרט מיר אין מיין וויסען —
איז נאָך פאַרבאָרגען אין זיך געקלעמט.

און כ'זעה דאָס לאַנד מיט זיינע טעמפּלען
מאַרמור פּאַלאַצען אין גאָלדענעם שיין,
ס'שימערען די בלאַנקע קופּאָלען
עס טריאומפירט דאָס לעבענדע זיין...

ס'איז נור די אויסערליכע טענער —
די שטראַהלען פון דער גרויסער וועלטען זון,
ס'וואַנדעלט דער טאָג אין אַ פינסטערניש
און קומט ווידער אין גלייכען געווין...

דאָם עכאָ:

ס'איז נור די אויסערליכע טענער —
דאָס טיעף באַגערטע בלייבט העכסטע לוסט,
און נישט פאַרשטענדליך, נישט דערגרונדליך
באַוועגט זיך דאָס הערץ אין וועלטען ברוסט!...

דער ספינקס:

נון יעצט אַ ערד גייסט קענסט פאַרשוואונדען
צוריק אין דיין הייל און אייגענעם שטאַם,
פון וואו דו ביסט צו מיר געקומען
ווי אויס דעם גרונד פון אַ טיעפען ים.

דער ערד גייסט:

דאָך יאָ פאַרשוואונדען וועל איך זיכער
צוריק אין אייגענעם געוועזענעם אָרט,

און אויך געוויס פאַר דיר דערשיינען
ווען ס'רופט נאָך מיר דיין באַגערונגס וואָרט!...

(די נאַכט פאַרגייט און זון אויפגאַנג קומט אָן. עס הערען זיך געזאַנגען און שפּראַך זילבען פון פיעל פאַרשיעדענע פייגעל און קאַנאַריקלאַך, וועגולאַרא און מאַנאַוועז שטייגען צוזאַמען אין דער הויך צו דער פעלזען בערג צו אַ קעגען איבער דער אויפגאַנגס זון).

ע נ ד ע.

איינינגע אויטאָביאָגראַפישע פּונקטען

אין פּאַריז אין יאָהר 1907

איך בין געבוירען אין פּוילען, אין נאָנטע אומגעבונג פון שטאָדט קעלץ. דער טאָג און דאָס יאָהר איז נישט געוואָרען באַהאַלטען צום געדענקען, פּילייכט קען זיך מיין געבורט־יאָהר באַשטימען (ווי מיר שיינט) אויף דעם יאָהר 1887. אין מאַגיסטראַט איז עס דאַטירט 1885. קעלץ די שטאָדט וואו איך האָב מיך אויפגעהאַלטען ביז דעם צוואַנציגסטען יאָהר איז אַ סימפּאַטישע רוהיגע קליינע שטאָדט, מיט שעהנע וועלדער און לאַנדשאַפטען אַרומגערינגעלט, און נישט אַזוי סימפּאַטיש און גוט זיינען געוועזען מיינע צייטען דאָרט — אַזוי ווי זיי זיינען געוועזען אויך גאָר שלעכט אין מאַנכע אַנדערע לענדער אויף מיינע וואַנדערונגען.

זייענדיג קורצע צייטען אין לאָדז און אויך אין וואַרשא — האָב איך ביי דעם אונגינסטיגען רעזשים פון יענער צייט באַשלאָסען אָפּצופאָרען נאָך לאָנדאָן (ענגלאַנד). איך האָב מיך עטוואָס דערוואוסט איבער די ראַדיקאַלע

אידעאַליסטישע ווירקונג פון פרעסע און בוך צו יענער צייט אין לאָנדאָן און אויך אַביסעל וועגן די מעהר פרייהייטליכע אַטמאָספערע דאָרט, און עס האָט מיך דאַרום געצויגען דאָרט אַהין. אין לאָנדאָן האָב איך פאַרבראַכט זעקס חדשים, אָפּגעפאָרען נאָך פאַריז — די הייימישע אַטמאָספערע פון פראַנקרייך האָט געמילדערט מיין איינזאַמע שטימונג פון יענער צייט, און מיט אַ יאָהר שפּעטער בין איך נאָך דעם באַגער פון מיין מוטער און פאָטער (האָבענדיג קרובים אין ניו יאָרק) אָפּגערייזט נאָך די פאַראייניגטע שטאַאַטען קיין ניו יאָרק. איך האָב אָבער געבענקט נאָך פאַריז און בין מיט אַ יאָהר און אַ האַלב שפּעטער צוריק אָפּגעפאָרען קיין פאַריז, דאָ האָבען זיך מיינע שווערע צייטען אויך אַביסעל פאַרשאַרפט קומענדיג אין קאָנטראַסט מיט רעאַלע נויטיגקייטען. איך האָב באַגערט דענקען, טראַכטען, לעזען, שרייבען, שטודירען קונסט און ליטעראַטור, און דאָ בין איך געווען געצוואונגען אַרבייטען, האָט פיעל מאָל פּאַסירט אַז איך האָב פאַרלאָזט די אַרבייט און בין אַוועק אין די גערטנער פון פאַריז מיט ניטשעס זאַראַטוסטראַ אָדער מיט ביכער פון שעקספּיער, געטהע, הענריך היינע, באדלער, י. ל. פּרץ, לאָרד בייראָן און אַזוי ווייטער.

איך בין דאַמאָלסט אויך איינגעלאַדען געוואָרען זיך אָנצושליסען אַלס מיטגליד פון אידישען סטודענטען פאַראיין, וואָס האָבען געהאַט אַ קלוב מיט אַ ביבליאָטעק אין לאַטיינישען קוואַרטאַל, זיינען מיר זיך דאָרטען טעגליך צוזאַמענגעקומען אין אַן אינטעליגענטע אַטמאָספערע. פון צייט צו צייט זיינען געווען אָווענטען, ליטעראַרישע און קאָנצערטיסטישע. געוואוינט האָב איך אויך אין לאַטיינישען קוואַרטאַל, אין אַ קליינעם האָטעל געגען איבער דעם גרויסען סאָרבאָן, וואו איך בין אויך פון

צייט צו צייט געקומען אין דער סאָרבאָן ביבליאָטעק און געלעזן ליטעראַטור און אויך זיך באַקאַנט מיט סטודענטען פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרשידענאַרט, אויך בין איך מיך אָפט צוזאַמענגעקומען מיט דער ראַדיקאַלער אינטע־ליגענץ, ווערענדיג אויך באַווירקט פון דער רעוואָלוציאָ־נערער שטימונג און אַטמאָספערע פון יענער צייט.

און מיט אַמאָל האָב איך אָנגעהויבען בענקען נאָך פּאָעטישע שענהייטען פון לענדליכקייט, און איך האָב אויפגעגעבען מיין פּאָזיציע פון אַרבייט וואָס איך האָב דאַמאָלסט גראָד געהאַט און בין אַוועק נאָך דער שווייץ, אויך דאָ איז דער האָניג פון מענשליכער עקזיסטענץ פאַר מיר געווען אַ ביטערער גענוס, דאָך האָב איך פער־זענליך מאַנעווּרירט, מיט פוס מאַרשירט און אַמאָל מיט באַן אין מאַנכע שענע פּלעצער אין דער גרויסער נאַטור פון שווייצער־לאַנד.

אַלזאָ צוריק קיין פּאַריז און ווידער געוואנדערט נאָך דייטשלאַנד, עסטרייך און פאַר גרויס פאַרצווייפלונג צוריק קיין פּוילען, וואָס איך האָב מיך פאַרטראַכט אַז איך וועל אפשר פריי ווערען פון פריזיוו און וועל אַזוי נאָך פּילייכט אויסבעסערען מיין מדרגה, און טראָץ דעם וואָס איך האָב מיך צוגעשטעלט צום פּריזיוו מיט פינף יאָהר שפּעטער איז נישט געווען מעהר ווי איין קליינינ־קייט — גאָדיען — פריניאַט (צוגענומען).

איך האָב מיך אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ צוריק קיין אויסלאַנד, און מיינע אַ שוועסטער האָט מיר אויס־געהאָלפען מיט אַ שיפסקאַרטע און האָב אָפּגערייזט אין יאָהר 1913 צוריק נאָך אַמעריקא, ניו יאָרק.

יעצט ווידער — די ערשטע איינינע יאָהרען בין איך געווען דער מאַרטירער פער עקסעלענץ — איך האָב מיך אַלזאָ דערוואוסט ווי ווייט עס קען שלעכט זיין. עס האָ־

בען זיך אָנגעהויבען ווייזען בעסערע צייטען פון פינאַנץ, איך האָב געפונען גיכער אַרבייט און האָב מיר פון צייט צו צייט אָנגעזאַמעלט קאַפּיטאַל און האָב מיר יום טוב געמאַכט, געוואָרען אַ טוריסט פון צייט צו צייט און באַזוכט אייראָפּא, פּאַריז, בערלין, וויען, וואַרשא, איטאַליען, שפּאַניען און די פּראַנצויזישע ריוויערא, און האָב מיך אָנגעהויבען פיהלען מעשה מענש, באַקומען אַביסעל וועלטליכען קאָנטאַקט און אַביסעל אויס די גערטנער פון מילדקייט און ליכטיגקייט, וואָס איך האָב נאַטירליך אויך מיט אייגענע אָנשטרענגונג און איניציאַטיווע אויף אַזוי ווייט פּאַר מיר געקענט רעאַליזירען.

פון יאָהר 1913 — האַלט איך מיך אויף אין שטאָדט ניו יאָרק. אין יאָהר 1929 בין איך געוואָרען אַ בירגער פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

און פון יאָהר 1921 ביז 1932 געוועזען פיר מאָל אין אייראָפּא — ווי איך האָב געווילט לענגערע צייטען, צוזאַמען גענומען — איז דאָס קנאַפּע פיר יאָהר אַלס אַן אַמעריקאַנער טוריסט אין פאַרשידענע לענדער פון דעם אייראָפּעאישען קאָנטינענט.

די דערשיינונגען פון מיינע ווערק

(ביבליאָגראַפישעס)

אין יאָהר 1916 — ארויסגעגעבען מיין ערשט ביכעל באַטיטעלט „אין גאָרטען פון טרוים" (פּאָעזיע.) ערשינען אין טויזענט עקזעמפּליאַרען.

אין יאָהר 1917 — איז דערשינען „פּעלזען קלאַנגען" (פּראָזע און פּאָעזיע.) אין טויזענט עקזעמפּליאַרען.

אין יאָהר 1919 — „דער טהורם פון בלויער בענקשאַפט" (פּראָזע און פּאָעזיע.) צוועלף הונדערט עקזעמפּליאַרען.

אין יאָהר 1922 — „דער ספּעקטאַקעל פון די פּיראַמידען" (פּראָזע און פּאָעזיע.) פופצעהן הונדערט עקזעמפּליאַרען.

אין יאָהר 1929 — „אַלטע מענשען ווערען יונג" (קאָמעדיע — טעאַטער שטיק.) אַכט הונדערט עקזעמפּליאַרען.

אין יאָהר 1935 — איז דערשינען די ערשטע סיסטעמאַטישע אויסגאַבע פון מיינע פּאָעטישע ליעדער און דיכטונגען אין איין באַנד — באַטיטעלט „אויף גרויסער וועלט", אין

טויזענט עקזעמפּליאַרען, הונדערט מיט צוועלף זייטען, פאַר־בּרייט די גאַנצע אויפלאַגע דורך פּערזענליכען זעלבּסט־פאַרקויף אין שטאַדט ניו־יאַרק.

אין יאַהר 1936 — די ערשטע סיסטעמאַטישע אויסגאַבּע פון מיינע ווערק אין פּראָזע אין איין בּאַנד, בּאַטיטעלט „אויף די רעלסען פון אידעאַלען". דערשינען אין צאַל — אכצעהן הונדערט מיט פינף און צוואַנציג עקזעמפּליאַרען.

פאַרבּרייט די גאַנצע אויפלאַגע פּערזענליך אויף דער ליניע: נויארק, מאַנטרעאַל, טאַראַנטאַ, דעטראַיט, שיקאגא, לאָס אַנ־דזשעלעס, סאַן־דיעגאַ און סאַן־פראַנציסקאַ.

אין דעם דאַזיגען בּוך וואָס איז יעצט דערשינען צום יאַהר 1939 — בּאַטיטעלט „דער גאָלדענער טריאומף", קומען אריין אַ זאַמלונג פון נייע עסייען און דערצעהלונגען, וואָס זיינען נאָר וואָס געשאַפען געוואָרען אין יולי־אויגוסט 1938, אין מיין צייטווייליגען זומער אויפהאלט אין די לאָורענשען געבּירג — בּיי מאַנטרעאַל (קוויבּעק, קאַנאַדאַ.)

די דראַמאַטישע דיכטונג „וועגולאַראַ", וואָס קומט אריין אין דעם בּוך, איז דער ערשטער אַקט געוועזן געדרוקט אין מיין ערשט ביכעל, און דער צווייטער אקט — אין צווייטען ביכעל.

אָבּער דאָ אין דעם דאַזיגען בּוך — איז די דראַמאַטישע דיכטונג „וועגולאַראַ" איבּערגעשאַפען געוואָרען פון מיר, און קאָמפּאַקט צוזאַמען קאָנצענטרירט, אויסגעבּעסערט אין שפּראַך, געדאַנק, און צו אַ לייכטערען בּאַגרייפען אין אלגעמיין.

דער פריינדליכער לעזער פון מיינע ווערק וועט מיר געוויס אַנטשולדיגען וואָס אייניגע פראַגמענטען פון מיין בּוך פּאָעזיע זיינען דאָ נאָך אַמאָל דערשינען, ווייל צוליעב דער קאָמפּלעטער דערשיינונג פון דער דראַמאַטישער דיכטונג „וועגולאַראַ" האָט עס געמוזט סיסטעמאַטיש־פאָלקאָם דורכגעפיהרט ווערען.

אויך וועט מיר זיכער דער פריינדליכער לעזער אַנטשול-
דיגען וואָס מיין קליינע אויטאָביאָגראַפישע סקיצע וואָס געפינט
זיך אין מיין בוך פּראָזאַ „אויףֿ די רעלסען פון אידעאַלען" איז
דאָ אויך אין דעם בוך, ווייל מאַנכע פריינד וואָס וועלען פּונקט
נור האָבען דעם בוך אליין — וואונשען פילייכט אויך זיך
עטוואָס צו באַקענען — און עטוואָס זיך צו דערוויסען וועגען
דעם אויטאָר זעלבסט.